**ר' יצחק:**ביידע זאכן. אבער די קנין אז די קידושין גייט חל זיין אויב דו טוסט כך וכך. קידושין איז נאך אלץ א זאך, הגם ס'איז דא עפעס א געוויסע, מ'האט גערעדט נעכטן, אדער אין די פריערדיגע שיעור וועגן דעם, ס'איז דא א געוויסע מצוה דערין, אבער ס'איז נאך אלץ א זאך וואס געשעט צווישן צוויי מענטשן, א בנין לחבירו. אויף דעם איז דא א הלכה אז מ'קען מאכן א תנאי.

אבער נאכדעם, למשל, איינער מאכט א תנאי אז זיין דאווענען איז א דאווענען, מיט וועם מאכט ער די תנאי? מיט דער אייבערשטער? מעיבי.

**ר' יואל אשר:** וועגן דעם גייט דאך דער רמב"ם אריינגיין זאגן וועגן די ענין פון מתנה על מה שכתוב בתורה, אפשר ווייל די זאך האט אים געבאדערט. ווייל אונז האבן א רילעישאנשיפ מיט'ן אייבערשטן.

**ר' יצחק:** קען מען מאכן תנאים אין דעם? ס'איז אפשר די זעלבע סוגיא, באט יא, מ'דארף טראכטן וועגן דעם. און דו האסט אויך געפרעגט פארוואס איז עס פראקטיש? איך ווייס נישט ווי פראקטיש. אפשר מאל גייט איינער מאכן א קידושין על תנאי. ס'איז אזוי ווי א פאני זאך צו מאכן על תנאי. אבער דו קענסט נישט, דו קענסט זיך מאכן.

**דיסקוסיע: תנאי אלס נאנטע קוזין פון מקח טעות**

**ר' יואל אשר:** איך מיין אז ס'איז נישט אזא פאני זאך, ווייל אויב דו טראכסט אריין, אין פראקטיש, תנאי איז א נאנטע קוזין פון דעם וואס מ'זאגט מקח טעות. ווען איך האב מקדש געווען איז געווען ווייל איך האב פארשטאנען אז דאס און דאס. תנאי איז אביסל ווען א זאך וואס איז נישט אזוי אוויעס, וואס מ'דארף סטאוו מאכן על תנאי. פארוואס נישט?

**ר' יצחק:** דער רמב"ם רעדט וועגן מקח טעות.

**ר' יואל אשר:** רק ווי מיר. ווייל נישט אז ס'איז דא א סיבה פארוואס מ'האט ארויסגענומען א מנהג אז מ'טוט עס נישט, וואלטן דאס מענטשן געמאכט א גאנצע צייט. ס'איז דא זייער אסאך מאל דא, מ'וויל וואוינען דוקא אין א געוויסע געגנט, אבער מ'ווייסט אז מ'טוט נישט קיין קידושין על תנאי אדער קיין גירושין על תנאי.

**דיסקוסיע: תנאי ביי קידושין vs. נישואין**

**ר' יצחק:** אה, די תנאים פון קידושין זענען געוויינליך נישט... מ'קען נישט תנאים פון חתונה, ראיט? די תנאים זענען וואס ס'גייט נישט פאר'ן חתונה.

**ר' יואל אשר:** יא, מקדש על דעת.

**ר' יצחק:** על תנאי. יא, אבער מ'קען נישט מאכן א תנאי אז אויב... צען יאר נאך די חתונה גייסט נישט מסכים אז מיר ווערט אויס קידושין. איך גלייב נישט אז מ'קען מאכן אזא תנאי.

**ר' יואל אשר:** מ'דארף זען, ס'איז דא אן מנת וואס איז חל מיד, און ס'איז דא תנאים וואס גייט יא געשען שפעטער.

**ר' יצחק:** אבער איך זאג, די אלע תנאים וואס זענען אין קידושין, נישט אין נישואין. ס'איז דא אין בכלל א שמועס, ס'איז דא אזא זאך נישואין על תנאי.

**ר' יואל אשר:** ס'איז פארנישט קלאר. דו מייסט זאגן אז חופה וקידושין און וואוינען איז מבטל די תנאי, ווייל אין אדם עושה בעילתו בעילת זנות וכדומה.

**ר' יצחק:** ס'איז מבטל א סוגיא פאר זיך. על ידי רוב דוגמאות וואס זאלסט גיין לערנען וועגן תנאי איז אויס קידושין. די נעקסטע יאר,

דעמאלטס, אדער פון יעצט, וואטעווער, עס זאל זיין מקודשת. אבער ס'איז נישט אז דו זאלסט זיין מיין ווייב. ס'איז זייער מאדן, א מענטש זאל לעבן מיט...

**ר' יואל אשר:** זיין ווייב אויפ'ן ווייב.

**ר' יצחק:** ס'איז אים געווען דעם ווייב מאכן...

### ארבעה דברים של תנאי בקידושין

**דיסקוסיע: תנאי בקידושין לעומת תנאי בנישואין**

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא זייער אסאך מאל מ'וויל וואוינען דוקא אין א געוויסע געגנט, אבער מ'ווייסט אז מ'טוט נישט קיין קידושין על תנאי אדער קיין גירושין על תנאי.

**ר' יצחק:** די תנאים פון קידושין זענען געווענליך נישט... מ'קען נישט מאכן א תנאי אויף נאך די חתונה, right? די תנאים זענען וואס

**ר' יואל אשר:** גייט פאר די חתונה. אה, מ'קען נישט מאכן א תנאי, אבער מ'קען מקדש זיין. יא, מקדש על דעת,

**ר' יצחק:** על תנאי. יא, אבער מ'קען נישט מאכן א תנאי אז אויב צען יאר נאך די חתונה גייסטו נישט מסכים זיין מיט מיר, ווערט אויס קידושין. איך גלייב נישט אז מ'קען מאכן אזא תנאי.

**ר' יואל אשר:** מ'דארף זען, ס'איז דא א "על מנת" וואס איז חל מיד, און ס'איז דא תנאים וואס קענען יא געשען שפעטער.

**ר' יצחק:** אבער איך זאג, די אלע תנאים זענען אין קידושין, נישט אין נישואין. ס'איז דא בכלל א שמועס צו ס'איז דא אזא זאך נישואין על תנאי.

**ר' יואל אשר:** ס'איז פאר מיר נישט קלאר. דו מיינסט צו זאגן אז חופה וקידושין און וואוינען איז מבטל די תנאי, ווייל "אין אדם עושה בעילתו בעילת זנות" וכדומה?

**ר' יצחק:** ס'איז א סוגיא פאר זיך. אבער רוב די גמרא'ס וואס דו וועסט גיין לערנען וועגן תנאי איז, "אם תתני לי מאתים זוז" דעמאלטס, אדער פון יעצט, whatever, וועסטו זיין מקודשת. אבער ס'איז נישט אז דו וועסט זיין מיין ווייב. ס'איז זייער מאדנע אז א מענטש זאל לעבן מיט

**ר' יואל אשר:** זיין ווייב על תנאי.

**ר' יצחק:** ס'איז געווען די מחלוקת שפעטער אין די... געוויסע רבנים האבן געוואלט מציע זיין אז מ'זאל מאכן קידושין על תנאי, ס'וועט סאלוון עגונות, און אנדערע רבנים האבן גע'טענה'ט אז ס'איז נישטא אזא כלל "אין תנאי בנישואין". איך ווייס נישט אויב

**ר' יואל אשר:** ס'איז ריכטיג אין למדנות,

**ר' יצחק:** אבער ס'איז זייער weird צו זאגן אויף דעם. פארשטייסט? די תנאים דא, די דוגמאות לפחות, זענען געווענליך נישט זאכן וואס געשעען נאך די חתונה. און איך טראכט, דו זאגסט אז ס'איז נישט דער מנהג צו מאכן תנאים, קען זיין ס'איז בעיקר ווייל אונז מאכן נישט קיין קידושין. שידוכים על תנאי וואלט געמאכט סענס. אגעין, אויף דעם אויך טרייט מען צו סטאפן, מ'זאגט אז ס'איז שרעקעדיג צו סטאפן א שידוך, וכדומה. אבער דאס הייסט, קידושין איז א געוויסע דיעל, און יעדע דיעל קומט מיט תנאים.

**דער היסטארישער קאנטעקסט פון קידושין**

**ר' יואל אשר:** איך מיין דו זאגסט אן אינטערעסאנטע זאך. דו זאגסט אבער אויך אויף א זייער פראקטישע לעוועל, אז ווען מ'מאכט ווען קידושין על תנאי, וואלט קידושין געווען אסאך א ביליגערע זאך, וואס וואלט נישט געווען קיין פיינעל זאך. ס'וואלט נאך אלץ געווען א סטעפ וואס איז טאקע אין ווייטערדיגע זאכן האט מען עס געסטאפט נוצן.

**ר' יצחק:** איך זאג אז ס'איז, אריגינעל ווען קידושין איז געווען א יאר פאר די חתונה, איז עס געווען א מער ווייניגערע זאך.

**תנאים געהערן אין די כתובה, נישט אין די קידושין**

**ר' יואל אשר:** היינט איז עס קידושין. אבער איך זאג אן אינטערעסאנטע זאך, אז אסאך פון די זאכן וואס דו האסט געזאגט וואלטן ווען געדארפט אריינלייגן אין די כתובה, נישט אין די קידושין. פארשטייסט? די חכמים האבן אויך געהאט זאכן וואס זייערע עקספעקטעישאנס וואס זיי האבן געוואלט פון די קאפל. זיי וואלטן געקענט מאכן אז יעדע קידושין איז על תנאי. ווען מ'זאגט "הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל", איז על תנאי אז מ'גייט טון צו ישראל, איז מעורר די אלע זאכן. מ'דארף. אבער ס'איז א מצוה. סאו זייער אסאך מאל, א קאפל וויל זיך עפעס אויסנעמען, דאס איז א גוטע זאך וואס מ'דארף אריינלייגן אין די כתובה. וואס איז ריכטיג צווישן זייער צווייי, איז דא למשל עקספעקטעישאן אז מ'וואוינט ביי די זייט פון די כלה, איז עס מער אין די כתובה,

**ר' יצחק:** נישט אין די קידושין.

**ר' יואל אשר:** סאו מ'קען זען אז חז"ל האבן נישט אריינגעלייגט זאכן אין די קידושין.

**ר' יצחק:** און אונז גייען נאך רעדן באלד וועגן די טראום און די כתובה, צו יא, "על מנת שאין לך עלי שאר כסות ועונה" איז דאך א תנאי.

**ר' יואל אשר:** דא גייט ער זאגן, אמאל, אמאל, אמאל,

**ר' יצחק:** אונז האבן שוין גענוג געשמועסט. דאס איז בעסערע פאליטיק ווי די פריערדיגע פאליטיק. דאס איז אויך פאליטיק. לערנען איז עפעס אנדערש. ס'ווערט נאר פאליטיק אויב

**ר' יואל אשר:** דער עולם איז שוין אינוועסטעד אין דעם. ווייל פאליטיק דארף זיין עפעס וואס מענטשן קענען שרייען אויף דעם.

**ר' יצחק:** יענער האט מקדש געווען על תנאי, און דו נישט.

**ר' יואל אשר:** אויב דער עולם האלט פעסט מיט די שיעור, און דער עולם ווערט ממש פאמפט אפ, און דעמאלטס איז פאליטיק. אבער דאס איז די צווישן אונז.

**הלכה א: המקדש על תנאי**

**ר' יואל אשר:** שוין, זאגט דער רמב"ם אזוי: **"המקדש על תנאי".**

**ר' יצחק:** איך האב זיך דערמאנט אז זיי האבן זיך שוין לאנג נישט געשלאגן אויף דעם. אקעי,

**דיסקוסיע: דער מקור פון דער ווארט "תנאי"**

**ר' יואל אשר: "המקדש על תנאי". "המקדש על תנאי".** יא. די ווארט "תנאי" אליין שטייט נישט אין די תורה, אמת. למשל, בני גד ובני ראובן האבן עס אליין נישט גערופן תנאי. זיי האבן געזאגט, אונז גייען מיר טון אזוי, און משה רבינו איז מסכים. די ווארט "תנאי" איז א משנה'דיגע ווארט, יא,

**ר' יצחק:** אויב איך געדענק. אפשר איז עס אפילו א...

**ר' יואל אשר:** ס'איז א ווארט וואס טראגט אין זיך א גאנצע קאמפלעקסטע זאך, אבער אונז פארשטייען מיר די ווארט. "תנאי" מיינט דאס רופט מען א קאנדישאן. תנאי איז עפעס קלארער ווי א קאנדישאן. תנאי איז אין די חלות. די חלות גייט נאר געשען. יא, איך מיין אז דאס איז אין א קאנדישאן. יעדע קאנטרי קען האבן קאנדישאנס.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט צו ס'טייטשט קאנדישאן אדער עפעס אזא זאך. יא, אבער רוב ווערטער וואס אונז רופן זענען נישט אין די תורה. אין די תורה שטייט דאך מעשיות, נישט הגדרה'דיגע ווערטער.

**ר' יואל אשר:** סאו, בני גד ובני ראובן האט זיי אראפגעלייגט א תנאי, אבער ס'האט נישט די ווארט תנאי.

**ר' יצחק:** יא, עקזעקטלי. דאס הייסט, כללות... "תנאי" איז די שם דבר, right? "על תנאי". אבער "התנה", ס'איז דא ווערבס, right?

**ר' יואל אשר:** ער געבט דאך תנאי אזוי ווי די ענין פון משניות. ניין,

**ר' יצחק:** ס'מאכט נישט קיין סענס.

**ר' יואל אשר:** "על תנאי".

**ר' יצחק:** נאר ס'איז א טעות. דאס קען זיין. דעמאלטס מיינט עס צו חזר'ן.

**ר' יואל אשר:** "תנאי", איך האב געלערנט, איך הייס נישט תנאי.

**ר' יצחק:** אין די גמרא שטייט אסאך מאל. יא, ס'מאכט נישט קיין סענס. "תנאי" מיינט צוויי תנאים. דאס איז נישט קיין תנאי. א תנא מיט א תנאי זענען צוויי אנדערע זאכן. יא? על כל פנים, איינער וועט זאגן אז ס'האט עפעס א קאנעקשאן, איך ווייס נישט. I don't know. פארשטייסטו וואס איך זאג? אזוי ווי התנאה, יא? פארשטייסטו וואס איך זאג?

**ר' יואל אשר:** ווייט. מתנה על מה שכתוב בתורה, התנה, מתנה...

**ר' יצחק:** רייט. ס'איז אלעס זאכן פון... בקיצור, איני יודע. תנאי. ס'פילט שוין חכמים, יא. אבער נישט א שינוי?

**ר' יואל אשר:** אויב מאכט מען א שינוי, זאל געשען א שינוי אין די חלות, כאילו.

**ר' יצחק:** ס'איז אמת אז אין אראמיש, "שנא" ווערט פאר מיין שינוי.

**ר' יואל אשר:** אבער "משנה" ווערט "מתניתא". מ'קען הערן אזוי ווי אז אויב געשעט שינוי, דאס איז דאך על מנת בדרך כלל. אבער מ'גייט זיך פירן דאס וואס אונז האבן מסכים געווען אויף. און אויב עס געשעט א שינוי, זאל געשען א שינוי אין די חלות. אדער דעמאלטס זאל די חלות נישט געשען. דעמאלטס זאל די קנין נישט געשען.

**ר' יצחק:** אינטערעסטינג, ס'איז דא א פסוק אין הושע, "התנו אהבים".

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט וואס ס'מיינט יענער פסוק,

**ר' יצחק:** סאו... אה, אה, איך האב די זעלבע שורש. איני יודע. נע. הושעיה האט אסאך אינטערעסאנטע... "התנו אהבים" קען מיינען אזוי ווי "ה' האמרת וה' האמירך",

**ר' יואל אשר:** די צוויי וועגן. אזוי ווי אויב דו וועסט מיך ליב האבן, אזוי ווי "איש תבח והלוך", קען ער זיך אין א תנאי.

**ר' יצחק:** אזוי ווי די גמרא ברענגט פון בני גד, ס'איז דא אפשר קענסטו אפילו זאגן "והיה אם שמוע", אזא סארט תנאי, אם ואם, אבער די לשון תנאי שטייט נישט.

**דער רמב"ם'ס לשון: המקדש על תנאי**

**ר' יצחק:** אקעי, זאגט דער רמב"ם, מקדש על תנאי. מקדש על תנאי,

**ר' יואל אשר:** איינער מקדש א פרוי על תנאי, ער לייגט צו א תנאי. ער זאגט נישט די לשון, ווייל שפעטער גייט אונז דער רמב"ם אויפקומען מיט דעם וואס דאס הייסט על מנת, וואס על מנת האט א פאוער ווארט וואס איז א בעסערע תנאי 2.0, עפעס א בעסערע תנאי. די ערשטע הדבר איז זייער דזשענעראל,

**ר' יצחק:** אן זאגן די לשון עקזעקטלע.

**ר' יואל אשר:** זייער דזשענעראל הדבר איז דאס פשוט.

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם אז די תנאי ארבעט,

**ר' יואל אשר: ואם נתקיים התנאי איז מקודשת, ואם לא נתקיים איז אינה מקודשת.** זאגט דער רמב"ם, נישט קיין חילוק פון ווער. דאס איז פשוט, אונז ווייסן אז דער מאן איז דער מקדש, דער מאן טוט עפעס עקטיוו, און די פרוי איז בסך הכל דער מקבל. אבער זי דארף מסכים זיין. אבער לגבי תנאי, נישט קיין חילוק. תנאי האט צו טון, זעט אויס, תנאי האט צו טון מיט די רצון, מיט די... נישט אזוי שטארק מיט די מעשה. און... אינטערעסאנט, די רצון, איך בין מסכים אויף די שידוך, און זי איז מסכים אויף די שידוך, אל תנאי אל זה פון דאס און דאס. **בין שהיה התנאי מן האיש, בין שהיה מן האשה.** ס'איז טייטש, דער תנאי צוברעכט נישט די מעשה פון געבן א רינגל, דער תנאי צוברעכט די הסכמה אז אונז ווילן מיט דעם ווערן מקדש.

**דיסקוסיע: תנאי ברעכט די הסכמה, נישט די מעשה**

**ר' יצחק:** אויך ביי דעם מענטש צובערעכט עס נישט די מעשה, ער ווערט דיר געבן א רינגל. רייט, אונז זענען אסאך מאל מענטשן, למשל ווען מ'האט גערעדט אז איינער האט גע'טענה'ט אז היינטיגע קיין איין כלי ווערט נישט מקדשת ווייל זי וויל נישט ווערן נקנה פאר דעם מאן, אבער ס'איז קיינמאל נישט אינגאנצן אמת. אזוי ווי מ'האט גערעדט נעכטן, די צורה פון די קדושה דארף זיין אז אני מקדש אותך וכו'. אבער ס'איז א דיעל פון צוויי מענטשן, זיי ביידע מוזן equally מסכים זיין, חוץ אויב א טאטע איז מקדש זיין טאכטער, ווייל דעמאלטס איז זי ממש אן אביעקט. אבער אפילו דעמאלטס, דער טאטע איז די דעת. ס'איז אלעמאל דא דעת קונה און דעת מקנה, ס'איז נישט קיין... פארשטייסט, לגבי די דעת האבן זיי זיכער אינגאנצן equally.

**ר' יואל אשר:** איך מיין אז ס'איז נישט קיין אמת'דיגע טענה אז די פרוי וויל נישט ווערן נקנה, ווייל ס'איז נאר ווייל זי האט עפעס א געוויסע בלב. אז ווער נקנה האט א געוויסע צורת החיים. אבער אויב זי האט שויזן איינע פון די אנדערע, ווי דער רמב"ם זאגט, הרי אתא איז רותי וכו' און מ'ווייסט אז זי מיינט קידושין, איז דאך גוט. סאו טרעף עפעס א שענערע לשון וואס געפעלט דיר בעסער, ווייל ס'איז דאך נישט... יא,

**ר' יצחק:** בקיצור. אקעי, את רותי איז נישט גוט אז מ'האט עס געלערנט.

**ר' יואל אשר:** אבער די אלע לשונות, אויב ביידע ווייסן אז מ'מיינט קידושין, איז דאך ווייטער גוט. סאו... סאו יענער האט א בליק, אין די מינוט מ'רופט עס אן קנין, קומט מיט מיט דעם אז די ווייב גייט כאפן פעטש. אבער אויב זאגט מען דאך ניין, קנין איז א וועג וויאזוי מ'האט אנגעקוקט די חלות, אבער די היה אדם אוהב את אשתו כגופו, וואטעווער, האט עס נישט צו טון מיט דעם.

**ר' יצחק:** אקעי, שטותים. תורה. רכה קירות איז אוודאי שטותים, ס'איז פשוט אז ס'איז גוט. ס'איז גוט אויף צולורער עס א... זאגט דער רמב"ם, איך האלט... קודם, מ'זאגט אז א תנאי ארבעט. דאס הייסט, די תנאי ארבעט אויף קדישאן. אויב מ'ארבעט אויף קדישאן, איז דעמאלטס ווערט די קדישאן ארבעטן לויט דעם.

### ארבעה דברים של כל תנאי

**ר' יואל אשר:** זאגט יעצט דער רמב"ם, די תנאים גייען האבן תנאים. די תנאים גייען אליין האבן קאנדישנס וויאזוי זיי זענען א גוטע תנאי. זאגט דער רמב"ם, **"וכל תנאי שבעולם"** - דא גייט דער רמב"ם אריבער פון קידושין, און היות מ'דערמאנט דא תנאים, גייט ער עס זאגן. אבער ס'איז א שאד צו רעדן וועגן תנאי נאר ביי קידושין אויב ס'איז אזויפיל הלכות, גייט ער עס שוין יעצט לערנען אויך פאר די עתיד, סיי ווען ס'וועט זיין נוגע א תנאי. **"וכל תנאי שבעולם, בין בקידושין וגירושין, בין במקח וממכר, בין בשאר דיני ממון"** - דערווייל האט ער נאר אויסגערעכנט אישות און ממון - **"צריך להיות בתנאי ארבעה דברים"**.

זאגט דער רמב"ם, **"ואלו הן הארבעה דברים של כל תנאי"**. דאס זענען די ארבעה דברים, די פיר תנאים, די פיר כללים פון תנאים.

### תנאי כפול

די ערשטע איז **"שיהיה תנאי כפול"**. די תנאי זאל זיין כפול. איך מיין, וואס מיינט "שיהיה תנאי כפול"? מ'זאל זאגן, "איך געב דיר די זאך אויב גייט זיין די תנאי, און אויב נישט, נישט." סאו דאס איז כפול. ס'האט ביידע זייטן, מ'רעכנט אויס ביידע זייטן פון וואס גייט געשען, אויב אזוי און אויב אזוי.

### הין קודם ללאו

די צווייטע איז **"ושיהיה הין שלו קודם ללאו"**. קודם זאל מען זאגן, "אויב גייסטו מיר געבן כך וכך, ביסטו ווערן מקודשת," און נאכדעם, "און אויב נישט, נישט." אויב מ'הייבט אן מיט די נעגאטיוו, דאס איז נישט קיין וועג פון טון ביזנעס, ס'איז נישט קיין תנאי.

### תנאי קודם למעשה

**"ושיהיה התנאי קודם למעשה"**. די וועג וויאזוי מ'זאגט עס, וויאזוי מ'רעכנט עס אויס, זאל מען זאגן קודם די תנאי. מ'זאל זאגן אזוי: "איך גיי יעצט אויף די תנאי געבן קידושין," נישט "איך גיי יעצט געבן קידושין אויף די תנאי." מ'זאל אויסרעכענען די תנאי פאר מ'רעכנט אויס אדער פאר מ'טוט די מעשה.

### דבר שאפשר לקיימו

און די פערטע זאך איז **"ושיהיה התנאי דבר שאפשר לקיימו"**. די תנאי זאל זיין נישט "על מנת אז דו גייסט פליען אין הימל," נאר ס'איז עפעס א זאך וואס איז doable, וואס איז אפשר לקיימו.

### אם חסר התנאי אחד מהן

זאגט דער רמב"ם, **"ואם חסר התנאי אחד מהן"**, אויב די תנאי פעלט איינע פון די פיר ענינים,

## הלכות אישות פרק ו — ד' כללי התנאים

### הלכה ב (המשך) — דין תנאי שחסר אחד מן הארבעה

**ר' יואל אשר:** דער וועג וויאזוי מען זאגט עס, וויאזוי מען רעכנט עס אויס, זאל מען זאגן קודם די תנאי. מען זאל זאגן אזוי: איך גיי יעצט אויף די תנאי געבן קידושין, נישט איך גיי יעצט געבן קידושין אויף די תנאי. מען זאל אויסרעכענען די תנאי פאר מען רעכנט אויס, אדער פאר מען טוט די מעשה.

און די פערטע זאך איז: ושיהיה התנאי דבר שאפשר לקיימו. די תנאי זאל זיין נישט א מנת אז איך גיי טון א תנאי אז דו גייסט פארליען אין הימל, נאר ס'איז עפעס א זאך וואס איז doable, וואס איז אפשר לקיימו.

דער רמב"ם, **ואם חסר התנאי אחד מהן, הרי התנאי בטל, וכאילו אין שם תנאי כלל**, אויב די תנאי פעלט איינע פון די פיר ענינים, הרי התנאי בטל, וכאילו אין שם תנאי כלל, איז די תנאי אינגאנצן בטל.

וואס געשעט יעצט? די קנין בלייבט, די זאך וואס מ'האט געטון, די חלות בלייבט, וכאילו אין שם תנאי כלל, **אלא תהיה זו מקודשת**

**או מגורשת מיד**, גליך. **ויתקיים המקח או המתנה מיד**, אויב איז עס א מקח או אדער א מתנה וואס מ'האט געמאכט דערויף א תנאי, און ס'איז נישט גוט מיט די פיר כללי התנאים, ווערט דער מקח געשען און דער תנאי ווערט בטל, וכאילו לא התנה כלל הואיל וחסר התנאי אחד מן הארבעה.

**דיסקוסיע: פארוואס בלייבט דער מעשה בתוקף ווען דער תנאי איז פסול?**

**ר' יצחק:** איז דאס נישט פאני די הלכה?

**ר' יואל אשר:** ניין, ס'זעט מיר אויס זייער א גוטע...

**ר' יצחק:** איך האב זייער ליב די הלכה.

**ר' יואל אשר:** ווייל תנאי וואלט ווען געקענט מאכן אלעס זאל זיין יעצט זייער פלאפי און אפען, אפילו נאכ'ן טון א קאנטראקט, עפעס וואס הייסט א דבר הגומר. מ'דארף דאך... דער ענין איז דאך צוקומען צו גומר זיין, יא, אין ביזנעס, אין קידושין גירוש, מ'וויל, מענטשן זאלן קענען מאכן זאכן, נישט זאלן בלייבן אפן.

צולייגן א תנאי האט עס געלאזט זייער אפן. האבן זיי חז"ל צוגעמאכט אז ס'זאל נישט זיין א הפקר, ס'זאל יא זיין א מומד ווען א מענטש מאכט זיך צו די אויגן און זאגט, איך גיי יעצט מאכן עפעס וואס גייט מיך מחייב זיין, וואס גייט מיך מקדש זיין. האבן זיי געטראפן די תנאי בני גד ובני ראובן, און זיי האבן דארטן אריינגעלערנט אלעס וואס מ'לערנט דארטן ארויס.

**ר' יצחק:** איך האב געמיינט צו פרעגן אויף די לעצטע נקודה. ס'הייסט, לאמיר זאגן ס'איז דא תנאים אין וויאזוי מ'דארף מאכן א תנאי, ס'דארף זיין כשר. אבער איך פרעג עס עפעס ענדערש. א מענטש האט געמאכט א קידושין אין א תנאי אז... איך ווייס נישט, לאמיר זאגן אפילו א מנשה שתהלה לרקיע, יא? ס'איז אפשר נישט קיין עקזעמפל. א תנאי אז עפעס אז זי גייט אים געבן טויזנט דאלער, ער האט עס נישט געזאגט ריכטיג, ער האט געזאגט אן קיין תרי קפל, אקעי?

ס'איז א הלכה אז ס'ארבעט נישט. איז למעשה, דער מענטש וויל די קידושין אדער נישט? פארוואס זאגט מען נישט? אוודאי וויל ער נישט. די הלכה דארף זיין אז ביי די פולק ארבעט עס נישט, נישט אז ס'ארבעט יא.

**ר' יואל אשר:** נישט מיט דעם, ווייל די מעשה איז נישט געווען א גוטע מעשה, ס'איז נישט געווען א גוטע חלות, נאר ס'איז נישט דא רצון. וואורייתא, ס'איז נישט געווען קיין רצון, איך האב עס אפילו געזאגט אין די תנאי.

**ר' יצחק:** רייט. איך פרעג א שאלה, פארוואס ווען מ'זאגט "חסר" איז "כאילו לא התנה" און ס'געשעט יא? ס'דארף זיין אז חסר איז... געשעט עס נישט. דו זאגסט זייער א גוטע למדות, ווייל כאילו ער וויל דיך נישט, ער וויל דיך נאר על תנאי. ס'זעט עפעס אויס אז תנאי איז נישט פשט איך וויל נאר על תנאי.

**ר' יואל אשר:** ס'איז עפעס א פארמאל זאך. סאו וועגן דעם טראכט איך אזוי, אויב ס'איז נישט געווען גענוג גוט געמאכט, נאכאמאל, אויב די פרוי האט נישט א רצון צו ווערן נתקדש, און יעצט זאגט זי נאך אלץ, איך האב נאך יעצט נישט א רצון, דעמאלטס האב איך נישט געהאט א רצון, און יעצט האב איך נישט א רצון, און וועגן דעם האב איך נישט אריינגעלייגט אז איך בין נאר מסכים בתנאי, לאמיר זאגן אז איך גיי קענען וואוינען לעבן מיין טאטע, סאו גייט נישט זיין אזוי ביטער צו וואוינען מיט דעם מאן.

איז דאס לכאורה א געווענליכע פאל פון קדושה, וואס איז נישט געווען קיין דעת, קיין רצון. אבער מ'רעדט דאך דא ווען זי האט שוין, אינצווישן האט זי שוין מסכים געווען, ס'איז שוין געווען רצון, ס'איז געווען אפס און דאונס. און יעצט זאגט זי, איך האב אפילו געזאגט, אבער דאס וואס איך האב געזאגט איז נישט געווען גענוג שטארק צו מבטל זיין די מעשה, און רצון איז געווען גענוג רצון.

**ר' יצחק:** ניין, רצון ארבעט נישט אין די וועלט אריין.

**ר' יואל אשר:** א מענטש קען נישט אייביג זאגן, איך האב עכט נישט געוואלט, דאס הייסט אין דברים שבלב. אבער אריינשרייבן א תנאי איז דאך זיכער מער ווי דברים שבלב, ס'האט דאך עפעס געטון.

**ר' יצחק:** סאו דאס פרעג איך דיר, וואס איז די פשט אז טאמער די תנאי ארבעט נישט? כאילו, מ'קוקט אן אז א תנאי איז א לימיטעישאן אויף די חלות. חלות האסטו געמאכט.

**ר' יואל אשר:** אבער זאגט קודם על מנת... ס'איז מגביל די מעשה. אבער זיי האבן יא געזאגט אז ס'איז א דין אין די דעת, אבער ס'איז מגביל די מעשה.

**ר' יצחק:** איז אינטערעסאנט. ניין, ס'איז נישט קיין דין אין די דעת. איך טריי נישט קיין גילוי, ווייל דעמאלטס וואלט מען שוין געדארפט הלכות תנאים.

**ר' יואל אשר:** ס'איז דאך פשוט. איך קען עס פרעגן אזוי: למשל, יעדע מאל ווען ס'איז דא אן אומדנא אין די מוכח אז די פרוי וואלט נישט געוואלט על דעת זה, אדער די מאן וואלט נישט געוואלט על דעת זה, איז די קדושה בטל, ס'איז א טעות. פארוואס זאל נישט יעדער תנאי זיין, אן אומגעלונגענע תנאי זאל עס זיין אזוי שטארק ווי אן אומדנא אין די מוכח?

לכאורה די ווארט איז אז די רצון מיינט אייביג צו דו ווילסט זיין עכט יענעמ'ס מאן, צו דו ווילסט טאקע איר נעמען פאר א ווייב. דאס איז אז זיי זענען מסכים געווען צו וואוינען אין די זעלבע געגנט, און אז... ס'איז טייטש זיי זענען מסכים אויף זיין א מאן און א ווייב. יא, מ'קען זאגן זיי זענען מסכים טון דאס וואס מענער און ווייבער טוען צוזאמען. ווי, וועלכע מוסד וועט זיי גיין שיקן זייערע קינדער? דאס איז א זאך וואס מ'קען אריינלייגן אין א תנאי. די קדושים ווילן זיי, זיי ווילן עס מגביל זיין א תנאי.

**ר' יצחק:** דו טראכסט שוין ווייטער פון פרטים פון זייער רצון. איך מיין אז מ'דארף טראכטן מער אזוי לומד'יש.

**ר' יואל אשר:** אז רצון מיינט די עצם זאך אז די צוויי מענטשן ווילן זיין חתונה גייט, אז זיי זענען זיך נושא חי איינער דעם

צוויטן. דאס מיינט רצון. תנאי איז אפשר אסאך א ווייטערע זאך, אז מ'קען מאכן א צעטל מיט תנאים, קאנדישאנס. און דא איז עס שוין טאקע נאר... מ'קען נישט זאגן אז אויב ס'איז נישט קיין גוטע תנאי, ער האט לכתחילה נישט געוואן רצון.

ס'איז דאך יא געווען רצון, די צוויי זענען מסכים צו זיין א קאפל. ס'איז דאך נאר געווען אז זיי האבן אריינגעלייגט, לאמיר זאגן, אלע דינגען בלות וואס דער רמב"ם גייט ברענגען, אויב דו גייסט מיר געבן געלט. ס'מיינט, ער איז דעספערעט פאר געלט, ער האט יעצט געטראפן א גוטע וועג ארויסצושלעפן געלט, אבער אויסער דעם ווילן זיי זיין חתונה געהאט די צוויי מענטשן.

**ר' יצחק:** איך הער, איי דארט נאו. סאו דאס איז די דעספיר א מעלאדזש קאונסלער אביסל. נו, זייער גוט, א איד דארף זיין א מערידזש קאונסלער.

**ר' יואל אשר:** ווער זאל שרייבן נכת קידושין אויב איז נישט א מערידזש קאונסלער?

**ר' יצחק:** ניין, נכת קידושין איז לאנדערש. ס'איז מער אזוי ווי... פארשטייט זיך, עגעין, די מערידזש קאונסלינג נושא איז א ריכטיגע נושא, אבער עפעס פיל איך אז מ'דארף פארשטיין דא. איך בין זיכער אז איינער האט געפרעגט די קשיא, אדער בין איך בעיסיקלי ראנג, אדער עפעס איז אינטערעסאנט דא. יא.

**ר' יואל אשר:** אפילו ס'איז חלותה און ס'שאדט נישט עס אנצוקוקן דעם וועג, למשל אזוי ווי איך האב געזאגט אז זיי ווילן נישט די קדושה זאל זיין אפן. וועגן דעם האבן זיי עס מגביל געווען.

**ר' יצחק:** אבער דאס איז א הסבר פארוואס ס'איז דא די אלע... לאמיר זאגן, דער רמב"ם זאגט פיר תנאים, דריי פון זיי זענען הלכות נוסח, רייט? וועלכע נוסח מ'דארף זאגן. די פערטע איז עפעס א כלל אין וועלכע סארט תנאי מ'קען מאכן. אבער דאס פארשטיי איך, אז ס'דארף זיין, דו קענסט נישט סתם זאגן איך האב געוואלט און איך האב געמיינט, ס'דארף זיין קלאר, ס'איז דא א קאנטראקט, ס'איז דא א סדר וויאזוי ס'דארף זיין. די אלע, דאס פארשטיי איך, דאס איז מיר נישט מחולק.

וואס איך וויל פארשטיין איז נאר די זאך. דאס הייסט, ווען ס'ארבעט נישט, פארוואס זאל מען נישט זאגן אז...

**ר' יואל אשר:** אז כאילו מ'גייט צוריק צו די פוינטס פון קידושה, מ'דארף עס יעצט פריש...

**ר' יצחק:** ניין, איך טראכט, ווען מ'מאכט סתם אז איך מאך א קאנטראקט מיט דיר, און איך לייג אריין א קאנדישאן, און ס'איז פסול די קאנדישאן. איך מיין אז אזוי האט ער געהאט היינט אויכעט, רייט? שטעל דערפאר איך מאך א קאנטראקט מיט דיר, איך ווייס נישט, איך וויל קויפן דיין הויז. מיט די תנאי אז... יא, מענטשן מאכן א גאנצע צייט אזעלכע זאכן, יא, מ'קויפט א הייזער. מיט די תנאי אז דער צווייטער קויפט מיר זיין הויז, און ער לייגט עס הייסט א ריידער. וואס האט עפעס א נאמען אין די קאנטראקט? ער לייגט אריין א דאס אין די קאנטראקט.

יעצט, לאמיר זאגן ס'קומט א קאורט, אבער ער זאגט אז דו האסט געשריבן די ריידער ראנג, דעמאלטס וועט די קנין זיין קיים, רייט? מ'זאגט נישט אז דו האסט נישט געוואלט. אזוי מיין איך, ס'גייט. ווייל די גאנצע... איך מיין אז... איך הער, פארשטייסטו זיך אזוי? שטעל דיר פאר אז א מענטש זאגט ער האט געמאכט די תנאי, ער האט גע'חלומ'ט אז דו האסט געקויפט. אבער איך בין נישט שולדיג ווי דיינע חלומות, דו האסט נישט אריינגעשריבן קלאר. יעצט דארפסטו מיר פארקויפן די הויז, אפילו אן די תנאי. אזוי גייט עס, ניין?

עפעס אזוי קוקט מען עס אן דא. א תנאי איז אזויווי א ספעציעל רשות. דו לייגסט צו צו די נארמאלע סדר א תנאי. אויב האסטו עס געמאכט ראנג, האסטו נישט די תנאי, אבער די נארמאלע סדר האסטו יא געטון. פרעגסטו א קשיא פון רצון. מוז מען זאגן די תירוץ אז רצון העלפט וויפיל ס'שטייט קלאר, און נישט ווערט עס סתם א דברים שבלב. האסט געוואלט, נעקסט טיים וועל בעסער. גיב מיר א גט, איך מיין...

**ר' יואל אשר:** איך מיין... דאס איז די גרויסע שאלה, ווייל אויב איז עס אן ענין פון דברים שבלב, אפילו אויב ביידע זאגן אונז האבן טאקע נאר מסכים געווען אויף די שידוך על ידי זה, איז עס ווייטער דברים שבלב. אבער אויב איז די ענין אז ס'וועגדט זיך יא, מ'קען ווען זאגן אז דער רמב"ם וואלט ווען קען טאקע שרייבן, אויב ביידע זאגן אז זיי האבן נאר... ס'איז נישט געווען קיין רצון אנדערש, איז עס א דין וואס געשעט.

אונז האבן נאכנישט געהאט אזא הלכה, אויב ביידע דערמאנען זיך א יאר שפעטער און זאגן אז עכט איז נישט געווען קיין רצון. ווייל רצון איז נאר אז ס'איז געווען אונס, ס'איז געווען דארטן צווינגערס. רצון מיינט נישט אז איך האב עכט מורא געהאט, און איך האב עכט געהאט סעקאנד טאטס. דאס איז יעדע קאפל, מיט דעם שטארבט מען.

### הלכה ג — דוגמא פון תנאי כשר

**ר' יצחק:** דאס איז נישט די פוינט. זאגט דער רמב"ם דוגמאות.

**ר' יואל אשר: כיצד? האומר לאשה, אם תתני לי מאתים זוז הרי את מקודשת לי בדינר זה.** אויב גייסטו מיר געבן מאתים זוז שפעטער, וועסטו יעצט מקודש ווערן בדינר זה. און ער זאגט עס מיט די ריכטיגע ווערטער. קודם זאגט ער דעם אם, דעם תנאי, און נאכדעם זאגט ער דעם מעשה, און נאכדעם זאגט ער דעם לאו, **ואם לא תתני לי לא תהי מקודשת. ואחר שהתתנה תנאי זה נתן לה הדינר.** התנה תנאי, נתן לה.

**ר' יצחק:** דאס איז דער רמב"ם'ס טייטש פון תנאי קודם למעשה, רייט? ס'איז דא וועגן דעם א מחלוקת אין די מפרשים מיט תנאי קודם למעשה, מ'דארף זאגן. דארף מען זאגן אז דער רמב"ם איז משמע אז מ'דארף...

**ר' יואל אשר:** ארויסזאגן די לשון קודם לעשיית המעשה.

**ר' יצחק:** נישט לעשיית המעשה.

**ר' יואל אשר: ואחר שהתנה תנאי זה נתן לה הדינר, הרי התנאי קיים והרי זו מקודשת על תנאי.** און וואס געשעט? **ואם נתנה לו מאתים זוז תהיה מקודשת.** איך מיין די ווארט תהיה דארף מען אונז דא דרוקן, ווערט זי דעמאלטס מקודשת.

**ר' יצחק:** אקעי, מיר וועלן זען באלד.

**ר' יואל אשר: ואם לא נתנה אינה מקודשת.** אבער דא זעט אויס תהיה מקודשת – זי וועט ווערן דעמאלטס מקודשת ווען ער באקומט די מאתים זוז.

**ר' יצחק:** ווען זי גיט אים די מאתים זוז.

**ר' יואל אשר:** די חלות ווערט געענדיגט ווען די תנאי געשעט. און ווי דאס וואס דו האסט פריער געפרעגט, צו מ'קען טון עפעס וואס זאל צובערכען צען יאר פון חתונה, לכאורה לויט ווי ס'זעט אויס אויבן אויף נישט.

**ר' יצחק:** ניין, ס'איז דא אנדערע, ס'איז דא מחשב תנאים. אקעי. אבל... דאס הייסט... סאו דאס איז א דוגמא, איך דארף קומען צו שרייבן דיר, דאס איז א דוגמא לתנאי כשר, כשר איז א פאני תנאי מוהל, לאמיר עס רופן.

**ר' יואל אשר:** יא? אפשר לדוגמא לארבעת כללי התנאים.

**ר' יצחק:** אקעי, אלעס איז שוין...

**ר' יואל אשר:** ווייל ער איז מסודר.

**הלכה ג (המשך) – דוגמא פון תנאי פסול (מעשה קודם לתנאי)**

**ר' יצחק:** נאכדעם, געבט דער רמב"ם א דוגמאות פון זאכן וואס זענען נישט...

**ר' יואל אשר:** וואס טויג נישט? **אבל אם אמר לה הרי את מקודשת לי בדינר זה, ונתן הדינר בידה,** און נאר נאכדעם האט ער געטון די תנאי, איז דאך געווען מעשה קודם לתנאי. **ואמר אם תתני לי מאתים זוז ואם לא תתני לא תהי מקודשת – הרי התנאי בטל, מפני שהקדים המעשה ונתן בידה.**

זאגט דער רמב"ם, ואף על פי דא העלפט נישט אפילו דער כלל וואס אונז ווייסן פון... פון תוך כדי דיבור, אז אם תוך כדי דיבור אויב מען ציט צוריק, קען מען נאך צוריקציען, אבער דאס העלפט נישט דא.

**ר' יצחק:** דאס הייסט א כלל, ס'איז דא א כלל, כל תוך כדי דיבור כדיבור דמי פון סאמפינג אלס. יא.

**ר' יואל אשר:** געדאנקסט? אויב מען האט געזאגט בטעות מוריד הטל, און מען האט בתוך כדי דיבור געזאגט מוריד הגשם, אדער מען האט געזאגט הרי את מקודשת לי נישט גוט, און מען האט עס געפיקסט תוך כדי דיבור, העלפט. אבער ביי א תנאי העלפט נישט תוך כדי דיבור.

**ר' יצחק:** אויף קידושין העלפט עס נישט. דאס הייסט, מ'קען נישט חוזר זיין פון די קידושין, אבער די זעלבע זאך איז לגבי תנאי.

**הלכות אישות פרק ו - תנאי בקידושין (המשך)**

**הלכה ד: תנאי שאינו כפול**

**ר' יואל אשר:** אבער דאס העלפט נישט דא.

**ר' יצחק:** דאס הייסט, ס'איז דא א כלל, כל תוך כדי דיבור חדפה מקדש מגרש מגדף, און סאמטינג עלס, יא?

**ר' יואל אשר:** איך געדענק נישט. דאס הייסט, אויב מ'האט געזאגט בטעות מוריד הטל, און מ'האט תוך כדי דיבור געזאגט מוריד הגשם, אדער מ'האט געזאגט אריין "הרי את מקודשת לי" נישט גוט, און מ'האט עס געפיקסט תוך כדי דיבור, העלפט. אבער ביי א תנאי העלפט נישט תוך כדי דיבור.

**ר' יצחק:** ביי קידושין העלפט עס נישט. דאס הייסט, מ'קען נישט חוזר זיין פון די קידושין, אפילו לגבי תנאי, אפילו אין ענין חזרה. סתם זאל מען זאגן "הרי את מקודשת" און דערנאך האט ער נישט געמיינט, איז דאך אויך נאר תוך כדי דיבור.

**ר' יואל אשר:** ניין, אבער דא די ווארט איז אז ס'הייסט נאך אלץ "אחר כך". תוך כדי דיבור וואלטן מיר אנגעקוקט ווי ביידע געשעען אויף איינמאל. וואס האט דער מענטש געזאגט? ער האט געזאגט די גוטע, ער האט אויך געזאגט "מוריד הטל", ווייל ס'איז געווען תוך כדי דיבור. אבער דא העלפט עס נישט. ס'דארף זיין די מעשה פארדעם. אפילו ס'איז געווען תוך כדי דיבור, איז עס געווען נאנט, ס'איז געווען גלייך נאכדעם, אבער ס'איז נאך אלץ געווען נאכדעם.

דאס איז וואס ער זאגט, יא? ווען די פראבלעם איז א הפסק, העלפט תוך כדי דיבור, ווייל תוך כדי דיבור הייסט נישט געגוג א לאנגע הפסק. דא איז נישט די ווארט א הפסק, דא איז די ווארט אז די מעשה דארף זיין פארדעם.

**ר' יצחק:** איך מיין אז ס'איז דא אופנים... נו, וואו שטייט תוך כדי דיבור? דער רמב"ם ברענגט דא אריין תוך כדי דיבור, איך ווייס נישט אינגאנצן, איך פארשטיי פארוואס, באט ס'איז נישט יעצט

**ר' יואל אשר:** אין די הלכה דא. תוך כדי דיבור איז א שיעור אין טומאה,

**ר' יצחק:** ס'איז נישט נאר וועגן הפסק. ס'קען העלפן אויף טוישן וואס דו האסט געזאגט, ווייל ס'הייסט נאך אינמיטן. אבער לגבי די זאכן ארבעט עס נישט.

**ר' יואל אשר:** אקעי, זייער גוט.

**דוגמא: תנאי שאינו כפול**

**ר' יואל אשר:** מיר זאגן ווייטער. **"וכן אם אמר לה"**, יעצט גייט ער זאגן וואס טוט זיך, ער גייט ברענגען א דוגמא פון די נישט גוט וועגן די פראבלעם פון ס'איז נישט געווען קיין תנאי כפול. **"וכן אם אמר לה אם תתני לי מאתים זוז הרי את מקודשת לי בדינר זה ואחר כך נתן הדינר לידה הרי התנאי בטל מפני שלא כפל תנאו"**, ער האט נישט געמאכט די כפל, ער האט נישט געזאגט אויב יא - יא, אויב נישט - נישט. **"שהרי לא אמר לה ואם לא תתני לא תהי מקודשת, והרי זו מקודשת מיד ואינה צריכה ליתן לו כלום."**

אסאך מאל נוצט מען די ווארט "הנני מודיע זה בתנאי כפול ומכופל". מענטשן מיינען אז כפול מיינט אזויווי ווען מ'זאגט "שבעים והודאה כפילה ומכופלת". אבער די כפל דא מיינט זייער ליטעראלי, אז ס'האט די צוויי זייטן, ס'איז קאווערד די יא און די נישט.

**הלכה ה: הקדים לאו להן**

**ר' יואל אשר: "וכן אם אמר לה אם לא תתני לי מאתים זוז לא תהי מקודשת לי"**, ער האט אנגעהויבן מיט די "אם לאו" - לאו, אנגעהויבן מיט די נעגאטיוו. **"ואם תתני לי מאתים זוז"** דעמאלטס יא, **"הרי את מקודשת לי בדינר זה"**, איז געווען לאו קודם להין. **"ואחר כך נתן הדינר לידה הרי התנאי בטל מפני שהקדים לאו להין והרי זו מקודשת מיד ואינה צריכה ליתן כלום."**

**ר' יצחק:** רייט, דער רמב"ם זאגט א גאנצע טאטע איבער די זעלבע זאך, די הלכה פון וואס געשעט ווען מ'מאכט א תנאי און ס'ארבעט נישט, רייט? לכאורה,

**ר' יואל אשר:** דאס איז די דוגמא פון...

**ר' יצחק:** לכאורה,

**ר' יואל אשר:** די אלע קען מען אויך פארשטיין אין סברא. למשל, די לעצטע קען מען דאך זיכער פארשטיין אין סברא, די "אם תעלה לרקיע". איך מיין אז אלע פון זיי קען מען פארשטיין אין סברא. פארוואס?

**ר' יצחק:** ס'מאכט עס קלארער,

**דיון: פארוואס איז לאו קודם להן א פראבלעם?**

**ר' יואל אשר:** די ערשטע דריי. איך מיין אז ס'מאכט עס קלארער, אבער מ'קען אויך פארשטיין. אקעי, וואטעווער. דאס איז א חסרון אין רבי טייף פון פשוט'ן. אבער נאר טוט מען, דער מענטש טוט נישט קיין קנין דא, ער קומט מיט עפעס א פחד, ער האט עפעס א פחד, ער איז א מענטש וואס איז דעספערעט צו באקומען געלט, ער איז נישט מקדש. אה, ניין, מ'זאגט דאך אבער יא, די קידושין איז א קידושין, און די תנאי איז בטל. עפעס, איך ווייס נישט, די קומען מיט די לאו פארדעם איז עפעס א גרויסע פראבלעם. די אנדערע קען מען הערן, ווייל מ'האט נישט קלאר אויסגענומען, מ'האט עס נאר אריינגעווארפן ווי א רעקאמענדעישאן.

**ר' יצחק:** ס'איז דאך די שווערסטע צו פארשטיין למעשה, וואס איז דא א חילוק וועלכע וועג מ'זאגט עס.

**ר' יואל אשר:** אבער ער הייבט אן מיט... קיינער איז נישט מקודש צו קיינעם. הייבסטו אן מיט עפעס וואס איז...

**ר' יצחק:** וואס איז נישט?

**ר' יואל אשר:** קיינער איז נישט מקודש צו קיינעם. איך מיין צו זאגן, אלע בחורים זענען נישט מקודש צו אלע מיידלעך. האסט נאך גארנישט געזאגט. גארנישט הייבט זיך נישט אן פאר "הרי את מקודשת". אויב געשעט די תנאי, דעמאלטס הייבט זיך אן עפעס געשען, און נאכדעם קען מען זאגן נישט. נישט פארדעם הענגט אין די לופט.

**הלכה ו: דבר שאי אפשר לקיימו**

**ר' יואל אשר:** אקעי, גיימיר ווייטער. וכן אם אמר לה, די לעצטע זאך איז "דבר שאי אפשר לקיימו". זאגט דער רמב"ם אזוי: **"אם אמר לה"**, דו זאלסט זיין מקודש צו מיר, **"אם תעלי לרקיע"**, דו וועסט ארויפגיין אויף די הימל, **"או תרדי לתהום"**.

**ר' יצחק:** ס'איז געווען א זאך פאר'ן רמב"ם צו מאכן דיביידע אפשענס, אדער אין הימל אדער אין תהום אריין? פארוואס וויל דער מאן זיין ווייב אין הימל און תהום?

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם זאגט אז יעדער איד קען זיין ווי משה רבינו אדער ווי ירבעם בן נבט.

**ר' יצחק:** ניין, דו שטייסט נאר נישט דא. הימל און תהום, איך ווייס נישט.

**ר' יואל אשר:** קיצור, אדער **"אם תעלי לרקיע"**, ער מאכט עס אזוי ווי די תורה זאגט, ס'איז נישט א "דבר שאי אפשר לקיימו", גיי אין הימל נעם די תורה. **"אם תעלי לרקיע"** איז עפעס אזא דבר, **"או תרדי לתהום"**. מ'דארף וויסן וואו איז די רקיע. איך האב נאכנישט געטראפן די רקיע וואס איז די מים התחתונים וואס מ'האט ארויפגעלייגט. פאר אין די גרויסע אוויר. אקעי. **"או תרדי לתהום"**. דעמאלטס, **"ואם לא תעלי לרקיע ולא תרדי לתהום לא תהי מקודשת"**. מ'האט געמאכט תנאי קודם למעשה, מ'האט געזאגט גוט, **"לא תהי מקודשת"**. וואס איז די דין? **"הרי התנאי בטל והרי היא מקודשת מיד"**.

**ר' יצחק:** פארוואס?

**הסברא: דרך שחוק והיתול**

**ר' יואל אשר: "שהדבר ידוע שאי אפשר לה לקיים תנאי זה". "ואין זה אלא כמפליגה בדברים דרך שחוק והיתול"** - דא איז ער נאך די מערסטע מסביר. יעדער איינער ווייסט אז די תנאי קען מען נישט מקיים זיין, ממילא איז עס נאר געמאכט ליצנות. ס'איז זייער אינטערעסאנט, דא וויל ער זאגן אז ס'איז נישט א דין אין די תנאי, נאר ס'איז עפעס אנדערש ווי אלע אנדערע, יא? אז אויב נישט, איז נישט ווייל מ'האט נישט געמאכט יעדע תנאי, נאר ווייל מ'האט געמאכט ליצנות. ס'איז אן אנדערע זאך.

**ר' יצחק:** ס'איז מער אזוי ווי אומדנא,

**ר' יואל אשר:** אז ער מיינט עס נישט ערנסט.

**ר' יצחק:** סתם האב איך גערעדט. ס'איז דא א ראיה, ס'איז געווען א פוילישער צדיק, איך געדענק נישט ווער, ר' שאול'ל האט עס פארציילט, אז ער איז געווען ראש השנה האט ער געמאכט א דזשאוק. און דער עולם האט געהאט טענות אויף אים, ער זאגט ער, וואס הייסט ראש השנה מאכט ער דזשאוקס? ראש השנה, יום נוראים, האט ער געזאגט, איך פארשטיי נישט, ס'איז דא אין שלחן ערוך, אויף פשט'ן הלכות, בשעת אני באך. ס'שטייט נישט דארט,

ואום עולה ראש השנה איז אוודאי מיינט ער עס ערנסט. דאס איז אויך א דזשאוק.

**ר' יואל אשר:** איך האב עס געהערט פון יאנקל מילער, אויך א פיין איר זאל זיין א רפואה שלימה. שוין,

**דיון: דרך שחוק והיתול - אויף די תנאי אדער אויף די קידושין?**

**ר' יצחק:** ס'איז דא א צוגעוואויטער פון דארט. עד כאן האבן מיר געלערנט. ס'איז אינטערעסאנט אז דא איז דער רמב"ם מסביר, ווייל מיר פעלט א הסבר אויף די הענג קודם לאו מער. די אנדערע זאכן איז פשוט מער ווייניגער.

**ר' יואל אשר:** יא. אקעי, די אומטיילא אלקיה איז אויך ממש... ס'שטימט זייער גוט. למשל, דער רמב"ם האט שוין געזאגט אז אויב זי זאגט א נוסח, זי ווארפן זי די הענט. ס'איז דאך די זעלבע מין געדעם. אבער דעמאלטס מיינט עס נישט קידושין. דא מיינט דער שחוק מיטל, אבער ער מיינט עס יא.

**ר' יצחק:** רייט? אבער ס'איז פארקערט, דאס גייט צו מיין פריערדיגע קשיא, אז ער וויל איר מקדש זיין, ער וויל צו די זייט מאכן א דזשאוק אויף.

**ר' יואל אשר:** נישט אויף די גאנצע קידושין איז געווען דרך שחוק וויסל. איך קען זאגן אויב ס'איז דורך שחוק וויסל, ווייל דארף ער געוואוסן. דא איז דאס נישט א זייער א גוטע שאלה, ווייל אונז האבן דאך יא געהאט אז אויב ס'איז אן אוועס ליצנות... דעמאלטס איז עס נישט קיין קדושה, ווייל ס'איז א נצנות. לאמיר טראכטן ווי וועלכע...

**ר' יצחק:** וואס דו מיינסט פון אים, יענע הלכה וואס דו האסט געברענגט.

**ר' יואל אשר:** יא, ניין, אבער דארטן איז געווען ווייל זי האט קונה געווען די רינגל, ווייל זאג ווארפנס איז די הינט. האבן מיר געהאט סתם אזוי ווען ער זאגט אזוי ווי... דו ביסט משוגע געווארן? איך גיי מיט דיר חתונה האבן? יא,

**ר' יצחק:** ניין. און זיי האבן געהאט אזא מעשה פון דער מענטש וואס נעמט יענעמ'ס געלט, און יענער זאגט פארוואס האט עס נישט גענומען די שענערע זאך?

**ר' יואל אשר:** ניין, און ס'איז אויך אן ענין פון בעלות. אבער לאמיר זען ווי די פרוי אליין... ווער מיינסטו? ווי די פרוי זאגט עפעס... אה, די פרוי זאגט דאך עס נישט דא. ס'טייטש, מיר האבן יא געהאט ווען די פרוי זאגט זאכן וואס ווייזט אז זי וויל נישט.

**ר' יצחק:** רייט, ביסט געגרעכט אז דעמאלטס איז אביסל אן אנדערע קעיס? נישט זיכער. אה, די דוגמאות איז פון די גמרא. ס'שטייט אין די גמרא אנדערע דוגמאות. "על מנת שתעברי את הים הגדול ברגלייך", "על מנת שתבלעי קנה של מאה אמה", בקיצור, פארשידענע ענינים. אה... עה... איי דאנט נאו ווי, אזוי זעט אויס. פרעגסטו א שאלה, אפשר מ'ווייסט יא קלאר אז ער מאכט ליצנות אויך מיט די קידושין, אבער אן אנדערע נושא.

**ר' יואל אשר:** ווייטער, זאגט דער רמב"ם,

**ר' יצחק:** איך ווייס פארוואס, ער האט דאך חתונה געהאט, יעצט אז ער איז א חתן דארף מען דאך מסרח זיין די חתן די כלה,

**ר' יואל אשר:** מאכט ער א דזשאוו. איך קען הערן, אויב זיי זענען אזוי משדחים און מ'דארף נעמען אלעס קידושין, קען מען הערן אז זיי זענען דאך בעצם גרייט פאר קידושין, און ער האט אריינגעווארפן א דזשאוו.

**ר' יצחק:** סאו לאמיר דארף מאכן אביסל קלארער צום קידושין. אבער לאמיר דאך זאגן, אונז לערנען יעצט הלכות תנאי. הלכות דעת בקדשין האבן מיר געלערנט נעכטן. דארט איז דא די אלע שאלות. קען זיין אז אין ריאליטי טרעפן די צוויי שאלות. אין ריאליטי, אבער אין די לאנדאס איז צוויי אנדערע לאנדאס. יעצט לערנען צו די תנאי. צו די מיינט די תנאי. לערנען די קדשין,

**ר' יואל אשר:** לערנען די נעכטן.

**הלכה ז: תנאי לעשות דבר שאסרה תורה**

**ר' יואל אשר:** אקעי, די נעקסטע זאך איז אזוי. זאגט דער רמב"ם, פון דא קומט מען אן צו די נעקסטע שאלה. ער האט געזאגט, אויב מ'נעמט זיך אונטער די תנאי צו טון עפעס וואס מ'קען נישט טון, אזוי ווי לויפן אין הימל. ס'איז דא נאך זאכן וואס מ'קען נישט טון. טון זאכן וואס מ'טאר נישט טון. איך קען נישט טון נישט וועגן אלס מענטש, נאר אלס איד.

**הרי שהתנה בדבר שאפשר לעשותו**, אבער דער רמב"ן זאגט נישט די ווערטער, **שאפשר לעשותו אלא שהתורה אסרה אותו.** שאפשר לעשותו, ס'טייטש דער מענטש איז קעיפעבל, זיינע הענט קען גיין עס טון. אלא שהתורה אסרה אותו. **כגון. כגון שאמר לאשה, אם תאכלי חלב ודם, הרי מקודשת לי בדינר זה. ואם לא תאכלי, לא תהי מקודשת.** ער האט עס געזאגט גוט. **אדער אם תאכלי בשר חזיר, הרי זה גיטיך. ואם לא תאכלי, לא יהא גט. ואחר שהתנה נתן הדינר או הגט בידה,** איז **הרי התנאי קיים?** איז יא, דער תנאי איז קיים, ווייל דאס הייסט נישט א דבר שאי אפשר לקיימו.

דער רמב"ם זאגט דאך, ווען איז א דבר שאי אפשר לקיימו וואס מאכט עס פאר א שחוק והיתול? איז ווען ס'איז obviously, יעדער איינער ווייסט אז ס'איז אי אפשר לקיימו. אבער מה שאין כן ווען ס'איז אפשר, נאר מ'טאר נישט. פאר די מענטשן איז עס ממש out of the question, אבער ס'מאכט עס נאך אלץ נישט קיין דרך שחוק והיתול.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם איז מסביר פארוואס.

**ר' יואל אשר: הרי התנאי קיים, ואם עברה ואכלה תהיה מקודשת או מגורשת, ואם לא אכלה אינה מקודשת ואינה מגורשת.** מ'זאגט נישט אז די קידושין איז... אז דער תנאי ווערט בטל אויטאמאטיש און די קידושין איז א קידושין.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם איז מסביר פארוואס.

**ר' יואל אשר: ואין אומרים בזה הרי התנה על מה שכתוב בתורה.**

**ר' יצחק:** מיר גייען דאך לערנען אין א מינוט ארום א כלל אז המתנה על מה שכתוב בתורה תנאו בטל.

**הסברא: בידה שלא תאכל**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אז דאס איז נישט אמת דא, **שהרי בידה שלא תאכל ולא תתקדש ולא תתגרש.** איז בידה. א זאך וואס איז אסור הייסט נאך נישט נישט בידה,

**ר' יצחק:** ס'איז נאך אלץ בידה. איך מיין אז ס'איז דא די צוויי פרטים, אדער דריי. איינס איז, אויב דו ווייסט בעסער פון מיר, איך זאג מיר, איך טראכט אויסעווייניג דא, איך האב נישט געקוקט אין מפרשים. איין זאך איז, ס'איז דא א שאלה וואס הייסט מעגליך, וואס מיר האבן געלערנט. ווען ער זאגט אן אוממעגליכע זאך, מיינט ער אכטונג צו געבן, ער רעדט ליצנות. אן עסן חזיר? ס'איז נישט קיין ליצנות. ס'איז נישט אויסגעהאלטן, מ'טאר נישט, אבער ער מיינט נישט ליצנות. דאס איז איין זאך. מ'קען אפשר זאגן, אויב ער איז גאר א פרומער וואס ביי אים

**ר' יואל אשר:** איז זיכער א ליצנות, ווייטער.

## רמב"ם הלכות אישות פרק ו — תנאי פון דבר שאי אפשר לקיימו און מתנה על מה שכתוב בתורה

### הלכה ח (המשך) — צווייטע און דריטע סברות פארוואס דער תנאי איז גילטיג

**צווייטע נקודה: דעת המתנה**

**ר' יואל אשר:** ניין, דער פרומער האט דאך מורא פון די קידושין פונקט אזוי שטארק.

**ר' יצחק:** ס'העלפט נישט. זייער גוט. זאגט דאס, די צווייטע נקודה. די צווייטע נקודה איז, אמאל מאכט א מענטש א תנאי, און ער מיינט אז ס'זאל נישט זיין, רייט? ס'קען דאך זיין, ס'קען זיין אז ער זאגט טאקע, ער געבט דיר דוגמא, **אם תאכלי חזיר הרי זה גיטיך.** דאס איז א וועג פון זאגן, איך וויל דיר נישט אמת'דיג מגרש זיין. ווייסטו וואס? ס'איז געווען א תנאי, עס חזר, נא פראבלעם. ער האט א נוקם געווען, ווייסטו? ער האט א נוקם, אז דו עסט דיר חזר, און דו ווערסט מיר גרעשעס, נא פראבלעם. ער קען באשטיין.

**ר' יואל אשר:** אדער ער וויל אז זי זאל מאכן די דיסיזשען אזוי ווי... It's in your court now.

**ר' יצחק:** ער מאכט עס טראדזשיק. יא. וואו, קענסט טעסט און חזר'ן? איך בין נישט קיין מאגן, קענסט טעסט און חזר'ן? יא. קיצור, מסתמא איז ער נאך אלץ...

**ר' יואל אשר:** יא, מ'מוז עס נישט רופן עסן חזר'ן.

**ר' יצחק:** מ'קען עס רופן אנדערש, אבער יא. זאגטלי, סאו דאס איז די צווייטע ריזן פארוואס אויך אין די דעת פון דעם מענטש. כאילו ס'מאכט סענס אז א מענטש זאל אויב די גאנצע פראבלעם פון דבר שאי אפשר לקיים איז אין די דעת פון דעם מענטש, ס'מאכט נאך אלץ סענס.

**ר' יואל אשר:** ווייל ער זאגט...

**ר' יצחק:** איך וויל דאס טאקע זאל נישט טון, ס'איז נישט קיין פראבלעם.

**דריטע נקודה: מעשין למעשה כתוב בתורה**

**ר' יצחק:** דריטנס איז די לומד'ישע שאלה פון מעשין למעשה כתוב בתורה. זאגט דער רמב"ם, דאס הייסט נישט! די תורה שטעלט זיך קעגן איינער וואס מאכט רום קעגן איר, אבער ער גייט נישט קעגן די תורה, פארקערט, ער זאגט אזוי, מאך עס נישט, no problem.

**ר' יואל אשר:** די לעצטע זאך איז זייער אינטערעסאנט, ווייל דאס איז נישט אייביג טיפיקל פון די רמב"ם, ווייל דא טוט ער א תוספות טייפ פון זאך. ער זאגט, דאס וואס איך האב יעצט געזאגט, געדענקסטו דאך עפעס א לשון מעשין למעשה כתוב בתורה? דער רמב"ם האט אפשר געזאגט דערווייל...

**ר' יצחק:** ער וואלט עס יעצט זאגן.

**ר' יואל אשר:** ער וויל יא, אין הלכות תנאים וויל ער שיין אויסשמועסן תנאים, ער וויל אונז אויך פארציילן וועגן די הלכה וואס ער גייט אונז יעצט זאגן פון מתנה על מה שכתוב בתורה, און ער האט עס זייער שיין אריינגעברענגט מיט אזא...

**ר' יצחק:** ווייל ס'קאנעקטן, דער רמב"ם האט עפעס צוזאמגעלייגט אין איין קעטעגאריע.

**ר' יואל אשר:** אי אפשר מיט די הלכה פון אי אפשר ווייל די תורה אסר'ט, מיט די נעקסטע דין פון מתנה על מה שכתוב בתורה, וואס איז בכלל א דין אין אן אנדערע סארט מציאות.

**ר' יצחק:** אזוי ווי דער רמב"ם גייט זאגן.

**דער רמב"ם'ס פראגע: פארוואס איז דאס נישט מתנה על מה שכתוב בתורה?**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, די הלכה וואס איך האב יעצט געזאגט, אז אפילו א תנאי וואס איז א דבר איסור, אפילו מ'טאר עס נישט טון, איז עס אבער א תנאי, א לעגיטימע תנאי וואס ווערט יא אדער נישט מאכן דאך א חלות, פרעגט דער רמב"ם, פארוואס זאל מען נישט זאגן אז **הרי התנה על מה שכתוב בתורה**? ווי יא? וואס מיינט עס? ווי יא?

מיר ווייסן דאך, ווער ס'האט געלערנט גמרא... אינטערעסאנט, ווייל דער רמב"ם האט עס נאך קיינמאל נישט דערמאנט. ס'איז נישט אזוי טיפיקל פון דעם רמב"ם, ווייל דער רמב"ם געווענליך לייגט אראפ אלע הלכות. דאס איז אן אינטערעסאנטע וועג.

אבער פארוואס איז יא דא א הלכה אז **כל המתנה על מה שכתוב בתורה,** איינער מאכט א תנאי אקעגן עפעס וואס שטייט אין די תורה...

**ר' יצחק:** תנאו בטל.

**ר' יואל אשר:** חוץ מדבר שבממון? אונז ווייסן דאך אז נאר ביי דבר שבממון העלפט יעדער תנאי אויך אקעגן מה שכתוב בתורה, אבער נישט דבר שבממון ווערט דער תנאי בטל.

**ר' יצחק:** און קידושין איז דאך נישט דבר שבממון. לערן וואס דו זאגסט, לערן די נעקסטע הלכה. ט. יא? דער רמב"ם... מימרא, ווי איז יא?

**הלכה ט — מתנה על מה שכתוב בתורה**

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

**ר' יואל אשר:** וואס קען מען עס זאגן? וועלכע מין הלכה האט מען עס געזאגט? זאגט דער רמב"ם, דארט רעדט מען אזוי, **כגון שקידש...**

**ר' יצחק:** מ'האט געגעבן קידושין אדער גירושין.

**ר' יואל אשר:** ער זאגט נאך די הלכה דא, וואס איז נישט נאר ער פרעגט א קשיא אין א תירוץ, דאס איז געווען זיין וועג. ער גייט זאגן, מ'גייט זאגן כיצד, יא. יא. כגון? כגון.

איינער האט געגעבן קידושין אדער גירושין אדער א מתנה אדער א תנאי אין א מכירה מיט א תנאי. **שהוא רוצה בתנאו שיזכה עצמו בדבר שלא זיכתה לו תורה.** ער מאכט א תנאי וואס געווענליך האט אים די תורה נישט געגעבן יענע זכות.

למשל, לאמיר זאגן ביי א מתנה. לאמיר מאכן א שנעלע דוגמא, נאכדעם וועט מען זען אינעווייניג מיט דוגמאות. א מענטש גיבט יענעם א מתנה, אבער ער זאגט בתנאי, ס'קען אייביג אריינקומען אין דיין הויז נוצן די מתנה. ס'איז ווערט אין די זאך. עפעס וואס ער האט נישט געווענליך די זכות. אדער וואטעווער, אפשר נישט א גוטע דוגמא. אבער עפעס וואס די תורה האט אים נאכנישט געגעבן אויטאמאטיש די זכות. ס'ליגט נישט אין יעדע מתנה די זכות. די תורה האט אים נישט געגעבן. אדער די תורה האט עס דירעקט מונע געווען.

**או יפטור עצמו בתנאו מדבר שחייבה אותו בו התורה,** דאס איז וואס מ'רופט מתנה על מה שכתוב בתורה, און פארדעם איז עס בטל.

פארוואס? **שאומרין לו, תנאך בטל, וכבר נתקיימו מעשיך,** די קידושין איז יא געווען א קידושין, דו האסט געטון די מעשה א קידושין, איז עס געשען. **ואין אתה נפטר מדבר שחייבה אותך בו התורה, ולא תזכה בדבר שמנעה אותך ממנו.**

ווען מ'זאגט תנאך בטל, מיינט מען צו זאגן אז ס'איז געווען א גוטע קנין, און דאס וואס דו האסט דאך געוואלט מגביל זיין פון די קנין, וואלט געזאגט אז הגם געווענליך ווערסטו מחויב אויטאמאטיש דורך די קנין, ווערסטו מחויב אויטאמאטיש זיך צו פירן מיט מיר ווי איינער וואס איז מקודש אדער מגורש אדער איינער וואס האט געגעבן א מתנה וכדומה, ווערט דער תנאי בטל און די מעשה קיים.

**דיסקוסיע: דער חילוק צווישן "outside תנאי" און "inside דיעל"**

**ר' יצחק:** איך וויל צו זאגן אויף אידיש וואס דער רמב"ם זאגט. מתנה על מה שכתוב בתורה מיינט נישט ער מאכט א סארט תנאי וואס מ'טאר נישט טון.

**ר' יואל אשר:** אן outside תנאי.

**ר' יצחק:** ער מאכט א סארט דיעל וואס די תורה איז דערקעגן.

**ר' יואל אשר:** רייט? נישט אן outside תנאי, נאר אן inside דיעל.

**ר' יצחק:** וואס איז דא? די נושא פון מתנה על מה שכתוב בתורה איז צו מ'קען, א חלק קען מען יא, א חלק קען מען נישט, אבער די נושא איז בכלל צו מ'קען טוישן די דיעל קעגן די תורה'ס דיעל. די תורה האט געהייסן, ווען מ'האט חתונה, ווערט מען מחויב און פטור כך וכך, דו ווילסט זיין פטור אנדערש. דעמאלטס איז א שאלה.

דאס וואס אונז האבן גערעדט פריער פון א תנאי, וואס איז די זאך וואס מ'דארף טון אויף א תנאי? ס'איז בכלל אן אנדערע סארט. די ווארט תנאי איז אפילו א שם מושאל דא.

**ר' יואל אשר:** ס'מיינט עפעס אנדערש דא. דא נעמט מען א פרעמדע זאך, עסן חזיר איז א פרעמדע זאך, און מען מאכט עס דא אלס א קאנדישאן. זיי ווילן טוישן וואס ס'מיינט די קנין.

**ר' יצחק:** וואס ס'מיינט די קנין. כאילו מתנה על מה שכתוב בתורה וואלט געווען אזוי... ס'שטייט נישט אזא עקזאקט, וואס איז פשוט. איינער זאגט, הרי את מקודשת לי על מנת אז דו מעגסט שלאפן מיט א צווייטער מאן, דו ווערסט נישט קיין אשת איש. ניין.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אינטערעסאנט, ווייל די ווארט דארטן שטימט נישט אזוי גוט על מה שכתוב בתורה. דא איז זייער גוט. דא איז אזוי ווי... ווי שטארק איז די תורה? איינער וואלט קענען זאגן אז די תורה איז אזוי ווי עפעס וואס מ'קען נישט טון במציאות. זאג איך דיר ניין, מציאות איז מציאות. די תורה, דו טארסט אוודאי נישט עסן חלב, אבער מ'קען עס נוצן ווי א תנאי.

דא, די סיבה פארוואס מ'קען נישט איז נישט וועגן די קדושת התורה, נאר ווייל אזוי קומט די קנין, ווייל דו קענסט נישט איבערקליגן, דו קענסט נישט סירקומווענט וואס קידושין איז. איך ווייס נישט וואס קומט אריין קדושת התורה.

**ר' יצחק:** גראדע, מ'קען יא סירקומווענט קדושת התורה. דאס איז נישט די נושא. די נושא איז מער אזוי ווי... איך מיין אז דער רמב"ם האט צוזאמען געזוכט א וועג צו זאגן אלע הלכות, און ער האט צוזאמען מחליט געווען צו לייגן אויף די סדר. אבער אמת'דיג, די קשיא הייבט זיך נישט אן. די צוויי מתנות זענען אנדערע ווערטער.

די זעלבע, דא וויל ער טוישן די דיעל. ס'איז דא אזוי ווי א הלכות, ס'איז דא א דיעל. אין די תורה שטייט א שומר חנם איז חייב אזוי, א שומר שכר אזוי. איך וויל זיין א שומר חנם אזוי. טוישט ער וואס די תורה האט געזאגט. די תנאי פון קידושין איז א גאנץ אנדערע זאך. דו זאגסט הרי זה גיטך על מנת, אדער דו גייסט

אפשר חזיר'ן. אבער דער רמב"ם וויל צוזאמענעמען די צוויי זאכן, ממילא זאגט ער...

**ר' יואל אשר:** ניין, ער זאגט די לשון "על מה שכתוב בתורה" איז אינטערעסאנט, ווייל די עיקר ווארט דערפון איז א מתנה אז עפעס זאל זיין אנדערש ווי ס'באלאנגט, ווי ס'זאל זיין, ווי די תורה פארלאנגט. איינער וואס וויל מאכן א שותפות אנדערש ווי...

**ר' יצחק:** די דעפינישן פון די ווארט שותפות. כיצד, דער רמב"ם געבט די דוגמאות, יא?

**כיצד – דער רמב"ם'ס דוגמא פון שאר כסות ועונה**

**ר' יואל אשר:** איז דער רמב"ם, כיצד...

**ר' יצחק:** דאס הייסט, וועלכע מתנה על מה שכתוב בתורה ארבעט נישט.

**ר' יואל אשר:** יא? איך וויל נאך פארשטיין זיין לשון וואס ער האט געזאגט. ווען מ'זאגט דארטן תנאי בטל, ער זאגט עפעס אזוי ווי אנדערע ווערטער, **"שאומרין לו תנאך בטל"**, נישט אזוווי אייביג אז אויב שטימט עס נישט מיט די פיר דברים פון א תנאי, צעפאלט די תנאי. נאר דאס איז עפעס אזא, די חכמים זאגן אים אז אונז ווייפן דיך אן. דאס וואס דו האסט געזאגט איז אירעלעוועגט. ווייל דו האסט בכלל נישט קיין רעכט...

**ר' יצחק:** ס'איז נישט קיין אריע ווי דו קענסט מאכן דעם תנאי. אויב ער זאגט איך וויל נישט, איך האב נישט געוואוסט אז ס'איז דא אזא הלכה, הייבט ער זיך אן... ער וויל זיין א מאן, אבער ער וויל זיין פטור פון שאר כסות ועונה. ס'איז נישט דא אזא זאך. שטימט?

אקעי, אונז גייען דערענען וועגן די מלכות כתובות. די מענטשן וואס זאגן אז אין געוויסע קהלות איז מען זיך מחתנא על מנת שאין לך עלי עונה. ס'קען נישט זיין, ס'איז דא א תנאי בטל. איי, ס'איז דא א הלכה אין עונה אז ער קען מוחל, און אויב מוחל קען מען שפעטער. אז זי קען אלעמאל צוריקקומען און זאגן אז איך וויל יא, און מ'קען גארנישט טון. מ'קען נישט זאגן, האסט געוואוסט? ס'העלפט נישט, ווייל די תורה הייסט דאס. פארשטייסטו דאך אזוי? עניוועיס, קומט נישט דיר אריין.

**ר' יואל אשר:** סתם פאליטיק. דאס דער רמב"ם לייגט אריין...

**ר' יצחק:** איך מיין דו פרעגסט אויף די אריכות לשון, ער טרייט צו מסביר זיין וואס ס'מיינט די ווארט על מה שכתוב בתורה. דו קענסט נישט טוישן, די תורה וויל אז א מאן זאל זיין מחויב שאר כסות ועונה, דאס קענסטו נישט אראפנעמען ווייל דו...

**ר' יואל אשר:** האסט געמאכט א תנאי, און די חיוב האלט אין ארויפקומען. ס'איז גארנישט געהאלטן, צוויי מינוט צוריק האסטו עפעס געזאגט. ס'איז דא א חיוב וואס דזשאמפט...

**ר' יצחק:** א גאנצע צייט ארויף אויף דיר.

**ר' יואל אשר:** ביי די חזר'ט, עס איז נישט חזר'ט. אוודאי זאגט די תורה...

**ר' יצחק:** און דאס זאגט דער קודשת קיין מסכים, איך מיין דו האסט חתונה געהאט, יא? א חתונה געהאטער איד, קומט צו אים דער רב און ער זאגט, רבותי, ביסט שייך צו וואוינען. איך האב געזאגט אז נישט, פלאץ, מ'קען נישט זאגן. איך וועל זאגן אז איך ווער געבוירן על מנת אז איך מעג גנב'ענען יענעם'ס זאכן. ס'מאכט נישט קיין סענס. דאס איז די איידיע.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אמאל מענטשן רעדן זיך נעבעך איין, ס'איז א וויכטיגע נקודה דאס, איך בין נעבעך, איך קען נישט, אנדערע זענען אזוי, תנאך בטל, מ'פאדערט עס פון דיר. ווייטער.

**ר' יצחק:** אז ער קען נישט איז אן אונס, איך ווייס נישט צו אנדערע נושאים.

**ר' יואל אשר:** אקעי, כיצד? יא, למשל, **כגון שקידש אשה על תנאי שאין לה עליו שאר כסות ועונה.** שפעטער אין הלכות אישות גייען מיר אונז לערנען די מצוה אין די תורה, אז א מאן איז מחויב צו געבן פאר זיין ווייב שאר כסות ועונה. שאר איז עסן, כסות איז אנדערע עקספענסעס ווי קליידער אדער א וואוינונג, און עונה איז זיין מיט די ווייב פיזיקלי, אינטימעסי רופן אונז עס.

איז אזוי, ער האט מקדש געווען זיין ווייב, און ווערן מקודש מיט א ווייב מיינט אז מ'גייט יא האבן שאר כסות ועונה. ער האט געמאכט דאס אליין אז א תנאי, אונז גייען מיר נישט, אונז גייען מיר זיין חתונה געהאט, אבער נישט זיין מחויב מיט וואס חתונה געהאטע מענטשן זענען מחויב.

זאגט מען אים אזוי, מ'גייט די סאך אונז צעטיילן, **בכסות ושאר תנאך קיים**, קיין ברויט גייסטו טאקע נישט דארפן געבן, ווייל זי קען זיך אונטערנעמען, איך וועל מיך אליין אויסהאלטן, איך דארף נישט זיין געלט. געלט זאכן קען זיך א מענטש אויסנעמען אנדערש. **אבל בעונה**, די זאך וואס דו זאגסט אז מיר גייען אויך נישט האבן עונה, אויף דעם איז **תנאך בטל**. פארוואס? **שהתורה חייבה אותך בעונה.** די תורה האט מחיב געווען אז א קאפל, אז א מאן און א ווייב, דארפן יא טון.

**מתנה על מה שכתוב בתורה – עונה, יפת תואר, והבנת החיוב**

**המשך: הלכה – תנאי בקידושין "על מנת שאין לך עלי שאר כסות ועונה"**

**דיון: פארוואס קען מען נישט מתנה זיין אויף עונה – דריי שיטות**

**ר' יצחק:** זאגט מען אים אזוי,

**ר' יואל אשר:** מ'גייט די זאכן צעטיילן, **"בכסות ושאר תנאך קיים"**, קיין ברויט גייסטו טאקע נישט דארפן געבן, ווייל זי קען זיך אונטערנעמען "איך וועל מיך אליין אויסהאלטן, איך דארף נישט דיין געלט". אבער די דריטע זאך וואס איז געווען, געלט זאכן קען זיך א מענטש אויסנעמען אנדערש. אבער בעונה, די זאך וואס דו זאגסט אז מיר גייען אויך נישט האבן עונה, אויף דעם איז

"תנאך בטל". פארוואס? "שהתורה חייבה אותך בעונה". די תורה האט מחייב געווען אזא זאך, א קאפל,

**ר' יצחק:** אז א מאן און א ווייב דארפן יא טון עונה.

**ר' יואל אשר:** ער דארף בעסיקלי, דער מאן דארף געבן פאר די ווייב עונה, אזוי זעט עס דא אויס. **"שהתורה חייבה אותך בעונה"**, זי דארף באקומען, זי דארף מסכים זיין.

**ר' יצחק:** די תורה האט דיך מחייב געווען בעונה, ממילא **"והרי זו מקודשת ואתה חייב בעונתה, ואין בידך לפטור עצמך בתנאך"**.

**ר' יואל אשר:** דיינע ווערטער העלפן נישט, נאר אויף דבר שבממון העלפט עס, ממילא שאר כסות, אבער אויף עונה העלפט עס נישט, דאס דארף מען ווייטער געבן עונה. ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל די תורה געבט עונה ווייל אונז ווילן ער זאל צופרידנשטעלן די ווייב. אין דעם וועג איז עס די זעלבע ווי שאר כסות, און נישט אזוי ווי די תורה וויל אז מ'זאל היטן שבת. ס'איז א דיין אז דו זאלסט איר מאכן צופרידן. און אויב זאגסטו "הריני כאילו התקבלתי", אז דו שטייסט אויפ'ן קאפ און דאס מאכט מיר די הנאה.

**ר' יצחק:** אונז גייען לערנען שפעטער, ס'איז דא אזא זאך ווי מחילה, ס'הייסט עונה יא, אבער די חיוב איז אמת. די אנדערע מפרשים זאגן ווייל ס'איז א דבר שבגוף. רש"י זאגט אזא לשון "צער הגוף". גוף מיינט מען אז ס'איז נישט קיין... ס'איז אינטערעסאנט. אין אנדערע ווערטער, אויב מ'וועט פארשטיין אביסל למדנ'דיג, איך מיין אז מיר האבן גערעדט וועגן דעם אמאל אין כתובות וואס מיר האבן געלערנט די הלכה. געוועונליך טראכט מען אז די נושא פון מתנה על מה שכתוב בתורה איז אזוי ווי דו האסט געזאגט פריער, ווי הייליג איז א פאני ווארט, ווי הארב ס'איז, ווי שטארק דו גייסט קעגן די תורה. א איד קען נישט גיין קעגן די תורה. ביי דא איז שוין ממון די פשט, די תורה איז מחייב אז אויב ס'איז... געוועונליך,

**ר' יואל אשר:** קיין ספרים וואס איז דא א קשיא. די תורה זאגט אז א פרוי דארף ווערן פראטעקטעד. די תורה נעמט זיך כולל אן פאר די פרויען, געבט איר שאר כסות. און אויב זי איז מוותר, איז דאך דא עפעס א סיבה פארוואס זי איז מוותר. ס'טייטש, מ'רעדט דאך דא נאכדעם וואס די חכמים האבן געזאגט אז זי דארף מסכים זיין, און ס'איז נישט דא קיין חשש אביוז. נאכאמאל, דער רמב"ם דארף דאך נישט דא ארייננשיינען.

**ר' יצחק:** אויב ס'איז דא אז זי האט

**ר' יואל אשר:** נישט באמת מסכים געווען צו מוותר זיין. האט זי נישט באמת געמיינט מוותר זיין. מ'רעדט דאך דא זי איז מוותר בדעת צלולה. פארוואס?

**ר' יצחק:** מסתמא האט זי עפעס א חשבון.

### *חידוש: עונה איז דער עצם פון מאן-און-פרוי זיין*

**ר' יואל אשר:** אבער ס'קען זיין אז איך טראכט אז עונה איז עפעס מער. אונז האבן דאך אנגעהויבן מיט וויאזוי איז געווען פאר מתן תורה און נאך מתן תורה. די אלע זאכן איז דאך די הכנה צו נאך מתן תורה. דאס וואס איז געווען נאך מתן תורה איז אז א מענטש איז בועל א פרוי. בעצם די נשואין פון זיין א מאן און א פרוי צוזאמען איז די עונה. דו קענסט נישט מאכן א... ס'איז אזוי ווי אונז גייען מיר זיין שותפים אן זיין שותפים. א מאן און א פרוי זענען צוויי מענטשן וואס טוען עונה צוזאמען. בסך הכל, פאר מתן תורה איז צוגעקומען אז ס'זאל אויך זיין א קנין, אבער א קנין איז א הכנה צו זיין א מאן און א פרוי. וואס מיינט זיין א מאן און א פרוי אויב נישט איז מיט עונה?

**ר' יצחק:** דאס איז נישט גענוג, ווייל דאס איז אמת, ער מעג, אדער זי מעג, ער מעג. אבער די שאלה איז מער אז עונה מיינט דאך אז ער איז מחויב. זיי קענען אים רופן אין תורה, ער האט שוין נישט געמאכט עונה פיר וואכן, ער איז א מורד מתשמיש,

**ר' יואל אשר:** און אזוי ווייטער. איך מיין דא אפשר ליגט די ווארט אין די ווארט פיר וואכן. דאס אז עונה איז זייער שטארק אין מקדש אין ווי סאך צייטן, האט דער רמב"ם געהאט שפעטער זאגן, אפשר איז דאס א הוספה. אבער עונה מיינט דאס אז אונז צוויי קענען זיך בועל זיין, קענען זיך מיט עס טון אין א יאר ארום. דאס וואלט נישט געהייסן האבן עס א משפחה אדער אקעגן עונה.

**ר' יצחק:** ניין, חיוב עונה מיינט אוודאי לפי די הגדרים וואס מ'קען לערנען. אקעי,

**ר' יואל אשר:** די גדרים איז אבער א צוגעלייגטע זאך.

**ר' יצחק:** איך מיין נישט צוגעלייגט,

**ר' יואל אשר:** איך מיין ס'איז א הגדרה פון ווי סאך מ'דארף עס טון, אדער ווי יעדע זאך, ווי אפט דארף מען דאווענען. אבער איך זאג דא עפעס אז א מאן און א פרוי מיינט צוויי מענטשן וואס טוען עונה צוזאמען.

**ר' יצחק:** ער איז מחויב ווי צו געבן.

**ר' יואל אשר:** ער איז מחויב ווי צו געבן, און זי איז מחויב אויך צו זיין אוועלעבל פאר אים.

**ר' יצחק:** ניין, דאס איז אן אנדערע נושא. ניין,

**ר' יואל אשר:** דאס איז טיפער ווי עונה. דאס מיינט דאס אדם פוגש אישה.

**ר' יצחק:** דאס איז אמת, אבער דאס איז נישט... דאס קדושין איז א הכנה צו דעם. די תנאה וואס אונז רעדן דא איז נישט וועגן יעצט. די תנאה וואס אונז רעדן, רעדן דא ספעציפישל וועגן די חיוב וואס תורה זאגט און נתן ליעג. א מנן קען דאך האבן פיר אנדערע ווייבער, רייט? ער קען דאך אן עצה. ער האט דא א ווייב אויף חס וקדושה? וואס מ'לערנט פון די עזר מסיים. וואס איז א חילוק? ס'איז דא א חילוק? ס'איז דא א חילוק? ס'איז דא עפעס א חילוק? ס'איז דא עפעס א חילוק? יעדער איינער פארשטייט אז א מענטש קען נישט מאכן קיין תנאי אז ער איז פטור פון שמירת שבת. רייט?

**ר' יואל אשר:** רייט, דאס איז זיכער.

**ר' יצחק:** יעצט, די חכמים האבן פארשטאנען אז עונה איז מער ענליך צו שמירת שבת.

**ר' יואל אשר:** דאס איז וואס דו קוקסט עס אן, איך קוק עס אן ווי מוז עס עונה נאך אלץ עפעס צווישן די פריי.

**ר' יצחק:** אוודאי איז עס פאר די פרוי. פאר אייזיק, זי קען מוחל זיין.

**ר' יואל אשר:** אבער זי קען מוחל זיין, און זי איז אויך מחויב דערצו.

**ר' יצחק:** דאס אז זי איז מחויב

**ר' יואל אשר:** איז אן עקסטערע זאך?

**ר' יצחק:** יא, יא. דאס הייסט, איך בין מסכים מיט דיר אז דאס אז זי איז מחויב איז אויך די עצם קידושין, ווייל נישט הייסט זי מורדת. דאס איז הדא הוא דכתיב מורדת. דו ווילסט נישט לעבן מיט מיר, גיי דיר לחיים ולשלום, נעם דיר נישט דיין כתובה. אבער...

**ר' יואל אשר:** מורד אויך גראדע,

**ר' יצחק:** אקעי. מורד אויב ער איז נישט מקיים עונה, די זעלבע זאך. אבער דאס איז נישט... אבער דאס וואס שטייט דא איז מער, ס'איז טאקע אינטערעסאנט, ווייל רש"י זאגט עפעס א חילוק אז דאס איז צער גופה און זי קען נישט מוחל זיין, הגם זי קען יא מוחל זיין. מ'מוז פארשטיין אז דעמאלטס איז עס נישט

**ר' יואל אשר:** דער נושא פון תורה,

**ר' יצחק:** דעמאלטס איז דער נושא אז א גוף... אזוי זאגט רש"י.

***חידוש: דער תנאי בשעת קידושין קען נישט אוועקנעמען א חיוב וואס ענטשטייט נאכדעם***

**ר' יואל אשר:** דאס וואס איך האב געזאגט איז בעצם א דריטע זאך, מ'וואלט געקענט פרעגן אז ביי עונה זאל עס נישט העלפן פאר די סיבה, ווייל דאס איז די אדם פוגש אשה בכלל וואס דאס מיינט.

**ר' יצחק:** ער זאגט נישט דאס,

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם זאגט עס נישט.

**ר' יצחק:** ס'איז א שיינע סברא. און אויך אין רש"י'ס סברא אז ס'איז א צער הגוף איז אויך נישט די זעלבע זאך ווי דבר שבממון וערסעס מה שכתוב בתורה. דאס הייסט, מ'דארף פארשטיין, פארוואס טאקע ביי דבר שבממון מעג מען? ווען די תורה זאגט אז מ'איז מחויב בשאר, די תורה וויל אויך מסתמא אז זאל זיין מחויב. פארוואס קענסטו זיין קלוגער? די תירוץ איז, למעשה, ס'איז געלט וואס ער איז איר שולדיג, און זי קען זאגן איך וויל נישט, און אין די סיטואציעס מאכט סענס פאר אונז צו טון אנדערש, און עפעס איז אנדערש. ס'איז אים נישט אינגאנצן קלאר פארוואס איז אנדערש. מ'דארף עפעס א בעסערע...

**ר' יואל אשר:** איך קען הערן, אבער ווען דער מענטש גייט נישט יעצט טון מצות עונה, ס'איז נישטא קיין וועג אז ער זאל נישט טון עונה ווייל אזוי האט ער געזאגט ביי קידושין. ער קען נישט טון עונה אויב זי איז מוחל. כאילו דאס זאגן ביי די קידושין גייט אים נישט פטר'ן. דאס אז זיי צוויי קומען זיך נאכדעם צונויף, ס'קען נישט זיין א שיעור אין די קידושין וואס דאס זאל גורם זיין אז מ'זאל נישט האבן מצות עונה. ס'איז דא אנדערע וועגן וויאזוי נישט צו טון עונה, אז זי וועט זאגן מוחל זיין, אדער אנדערש אפשמועסן. אבער דאס אז ווייל בשעת קידושין האט מען עס געזאגט, גייט נישט אוועקנעמען א חיוב וואס האלט ארויפקומען אויף ענק, וואס איז אן אנדערע מין זאך.

**ר' יצחק:** פארוואס? דאס איז די שאלה. דו ביסט מודה אז עונה איז א חיוב מרוד לחבירו, ס'איז נישט קיין מרוד למקום. אוודאי, ס'מאכט יחודים אין עולמות עליונים וכו',

**ר' יואל אשר:** אבער דאס איז די מרוד לחבירו וואס מאכט יחודים.

**ר' יצחק:** דאס איז א דריטע חלק,

**ר' יואל אשר:** דאס איז א דריטע חלק.

**ר' יצחק:** ס'איז דא אזא חיוב, ס'איז דא א חיוב. עפעס, ס'קען זיין אז דו ביסט יא גערעכט, אז אפשר ער ברענגט אז ס'איז דא א מצוות פריה ורביה. אויב ס'איז עפעס א פארוויקלטע זאך, וואס ס'איז אינקלוד זייער אסאך זאכן. ס'איז דא אפשר א מאמיניסטיגע פארק דערפון, א ברונדלעך פארדיגע פארק. אבער ס'איז אויך דא א מצוה פרא ורביה, ס'איז אויך דא א מצוה. ס'איז פארט פון די סדר העולם, ס'איז מער בעיסיק. ס'איז וויכטיג, ס'איז וויכטיג פאר אסאך ריזען. איך ווייס נישט, דארף מען פארשטיין בעסער. על כל פנים, יא, דאס איז דער נושא פון מסתים מה שכתוב בתורה.

**הלכה: דוגמא פון יפת תואר – "המקדש יפת תואר על מנת שיתעמר בה"**

**ר' יואל אשר:** יא, זאגט דער רמב"ם ווייטער, נאך א דוגמא. וכן, אונז האבן א דין פון יפת תואר אין פרשת תצא. **המקדש יפת תואר**, איינער וואס ער האט געטראפן ביי א מלחמה, און דארטן איז דא א הלכה אז פארשידענע זאכן וואס מ'מעג יא נישט טון און וואס מ'דארף טון מיט א יפשטו. ס'איז דא די הלכה **לא תתעמה**, מ'טאר איר נישט פארשעמען דורך איר, פארקויפן נאכדעם וואס מ'האט געוואוינט מיט איר. בקיצור, ס'איז דא זאכן וואס מ'טאר נישט מתעמה זיין, מיינט מען איר פייניגן, איר מזלחן זיין. אויב מ'קען נישט זיין, איך נישט פארשעמען דורך איר, איך נישט פארשעמען דורך איר, איך נישט פארשעמען דורך איר. איז וואס זאגט מען? איז אויך, דאס טייטש אויך א מאסן א מאסן א מאסן איז כתב בתורה. וואס געשעט דא? איז בכלל נישט קיין תנאי. ס'איז נישט אזוי ווי די תנאי איז מבטל די מעשה. זי איז ווייטער מקדשת ווייל ער האט איר געגעבן קידושין. און דאס וואס ער האט געזאגט איך גיי דיך מעגן מתאמר זיין, האט ער גערעדט ליגנט, **ואין לו להתעמר בה, שהרי התורה מנעה אותו מלהשתעבד בה אחר שנבעלה.** די תורה איז מונע אז ער טאר איר נישט מאכן פאר א שפחה נאכדעם וואס ער האט איר באהל געוועזן. נאכדעם וואס ער האט איר באהל געוועזן, מוז ער איר טרעטן ווי א ווייב, נישט ווי א שפחה. גייטס נישט העלפן, **ולא מפני תנאו יזכה בדבר שמנעה תורה, אלא תנאו בטל, וכן כל כיוצא בזה.**

**דיון: פארוואס ברענגט דער רמב"ם דוקא דעם ביישפיל פון יפת תואר?**

**ר' יצחק:** ס'איז זייער מאדנע די רמב"ם'ס דוגמא,

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט די דוגמאות, אבער ער געבט דאך א געוויסע געדאגט.

**ר' יצחק:** די ערשטע דוגמא איז ממש די הלכה וואס שטייט אין די משנה. אבער די צווייטע דוגמא איז זייער א קלארע דוגמא, אבער ער וואלט געקענט זאגן די רמב"ם, וכן המקדש על מנשה אינו צריך לשמור אש את איש. איך ווייס נישט, פארקערט, מצו דור,

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט.

**ר' יצחק:** ער פרעגט פארוואס איז דא א קשיא? דאס האט נישט מיט קידושין, דאס האט לכאורה מיט דעם וואס... איך מיין, אפשר ליגט דא א סוד. יפת תואר, איך טראכט אלעס יעצט אויסעווייניג, יפת תואר איז דאך בעצם באונס, רייט? ער כאפט איר. סאו, אוודאי איז נישט שייך. ווען מ'מאכט א תנאי, זאגסטו, די פרוי איז מסכים ווייל זי איז איינגעגאנגען אויף דעם. זייער גוט. אבער דארט איז פשוט אז ס'איז נישט שייך א תנאי, ווייל די תורה וויל איר פראטעקטן. זי זאגט, "לא תתעמר בה אחר", אויב דו האסט איר בעל געווען און דו ווילסט איר נישט, שיק איר ארויס, לאז איר נישט א שפחה נאכדעם. זאגט ער, "איך האב געמאכט א תנאי". וואס הייסט דו האסט געמאכט א תנאי? מיט וועמען האסטו געמאכט די תנאי?

**ר' יואל אשר:** ס'איז זייער אן אינטערעסאנטע שאלה, ווייל למשל, לאמיך דיר פרעגן... ניין,

*חידוש: אפשר איז יעדע פרוי א בחינה פון יפת תואר לגבי עונה*

**ר' יצחק:** איך וויל נאר אויספרעגן א סעקונדע. ממילא וועל איך טראכטן אז ס'קען זיין אז דער רמב"ם וויל זאגן א סוד אז יעדע פרוי איז א געוויסע בחינה פון יפת תואר. און לגבי עונה, ס'איז דא זאכן וואס די פרוי קען נישט מבטל זיין. איך האב דאס געטראכט,

**ר' יואל אשר:** אז מ'פראטעקט דא די פרוי. אבער איך האב עס געטראכט אזא וועג. וואס טוט זיך למשל ווען אונז צוויי זאגן, אויב איך געב דיר יעצט א פאטש, בין איך עובר אויף "בל תוסיף". אויב דו זאגסט מיר, "איך בין יעצט אין די מאוד פון כאפן פעטש", בין איך לכאורה נישט עובר אויף "בל תוסיף". און אויף דעם איז נישט דא מסכים א משחית פון התורה, ווייל דאס איז נישט פעטש. פעטש איז עפעס וואס טוט יענעם וויי. איינער וואס זיין משוגעת איז, ער האט ליב צו כאפן פעטש... "הרחק מן הכיעור" רעדט דאך בדרך רמז. אויב איינער וויל כאפן פעטש, איז נישט קלאר. לאמיר זאגן אן אנדערע דוגמא. ווען מ'גייט אריין אין די מיליטער, איך האב חברים וואס זענען נכשל געווארן און זענען אריין אין די מיליטער, אנפאנג פייניגט מען אויס מענטשן, מ'צווינגט זיי צו טון זאכן, מ'שלאגט פעטש, זיך אויסצולערנען אז אויב דו ווערסט געפאנגען... וועט איינער זאגן אז מ'איז עובר אויף "בל תוסיף"? אבער מ'מעג משום מצב מלחמה? דאס הייסט נישט "בל תוסיף". "בל תוסיף" מיינט שלאגן א מענטש שלא ביושר. אויב איז דא עפעס א הסכמה... מיינט דאך נישט צו זאגן אז א מנסה אז איך מעג דיך שלאגן, ווייל דו גייסט אריין אין די... דא איז דאך א סדר אז די קידושין זאל לאזן דעם סדר. דאס איז די ווארט. א מאן און א פרוי, יא?

**רמב"ם הלכות אישות פרק ו – תנאי שאינו בידה לקיימו ומהות דברים שאפשר לקיימם**

**הלכה ז – תנאי שתיבעל לאביה: דבר שאינו בידה**

**ר' יואל אשר:** וועט איינער זאגן אז מ'איז עובר אויף בל תוסף, אבער מ'מעג נישט אין מצב מלחמה? דאס הייסט נישט בל תוסף. בל תוסף מיינט שלאגן א מענטש שלא ביושר, אויב איז דא עפעס א הסכמה. סאו על מנת שלא יתעמר בה, מיינט דאך נישט צו זאגן אז על מנת אז איך מעג דיך שלאגן, ווייל דאס גייט אריין אין די... דא וועט דאך נישט זיין אז די קידושין זאל לאזן. סארי, דאס איז די ווארט. ס'טייטש, א מאן און א פרוי, יא? א מאן האט געטראפן א יפת תואר פון סאם ריזען. ס'טייטש, אויב זי זאגט אזוי בלאסערהייט איך בין מסכים, איז דאך פשוט אז זי איז אן ענוסה, מ'צווינגט איר, אזוי ווי אנסים הייסן איינער מקדש זיין. מ'רעדט דאך נישט פון דעם, מ'רעדט דאך אזוי ווי א יפת תואר

**ר' יצחק:** איז מסכים אז דו זאלסט מיך מסכים. יא, בקיצור, דו מיינסט צו זאגן אפשר אז בעיסיקלי אז נישט אלעס איז נעגאשעבל? דאס איז די טייטש. דא רש"י זאגט צער הגוף.

**ר' יואל אשר:** ניין, איך זאג, ווען צוויי מענטשן זאגן אז דו זאלסט נישט עובר זיין אויף בל תוסף, איז עס יא נעגאשעבל, ווייל אפשר...

**ר' יצחק:** ס'איז דא ענק דא א מחלוקת. למשל, דער אחרונים, דער אחיעזר האט געזאגט אז א מענטש קען זיך אליינס פארקויפן אזא איברים, עפעס אזא זאך. ס'איז נישט קלאר אז א מענטש באלאנגט פאר זיך אליינס. ס'איז דא עפעס אזא זאך אז חובל בחבירו. בקיצור, דאס איז די סוגיא, דאס איז נישט קיין זאך וואס... אדער ווי דו זאגסט,

**ר' יואל אשר:** לבנוג העונה... אויב זי גייט ברצון וועלן ארבעטן פאר איר מאן, זי וועט נישט האבן קיין די שפחה,

**ר' יצחק:** אבער זי גייט ארבעטן פאר איר מאן. שלא תסמר בה. יא, ענקזעקטלי. דאס איז די זאך. אבער ס'איז דא זאכן וואס הייסט יא, ווייל ווען זי זאגט אז זי וויל, א ברירה האט זי, זי וויל דיך חתונה האבן. ס'איז דאך דא א כלל תבלה מיידל. לאמיר זיין, איך מעג זאגן פאליטיק? אויב ס'איז דא א גערער מיידל, אקעי, מ'זאגט איר א ברירה האסטו, זי איז מסכים, ווייל אין גערער איז אזוי די מנהג. ס'איז נישט אמת. א ברירה האט זי, זי וויל זיך חתונה האבן מיט א ליטוואק חס ושלום, מיט דעם זאל זי חתונה האבן. דאס הייסט, על זה אמרה תורה וינתן לא יגרע, ווייל דו קענסט נישט זאגן, ביי אונז איז נישט מנהג. דאס איז טאקע די פראבלעם. קעגן די מענטשן וואס האבן דעם מנהג האט די תורה געשריבן די מצוה.

**ר' יואל אשר:** שלעכטע מענטשן זענען מתעמר אין יפת תואר, די תורה וויל דאס אויסרייסן. שלעכטע מענטשן טוען נישט שאר פאר

זייער ווייב, און זיי האבן חתונה. דאס הייסט, קענסטו לאזן א צווייטע מאן טון זייער. און די תורה האט געזאגט, ניין, דו מוזט יא געבן.

**ר׳ יצחק:** וואס וועסטו דא טון? זי האט געוואוסט פארדעם אז זי האט פאר א שלעכטער. זי האט מסכים געווען. זי האט נישט מסכים געווען? אויף געלט? נא פראבלעם. ווייל געלט איז אלעמאל נעגאשעבל. אפילו די אמת׳ע אז געלט איז אויך דא מצבים וואס זענען נישט ריכטיג.

**ר׳ יואל אשר:** איך האב זייער א גוטע עקזעמפל: ווען א מער סאפיסטיקעיטעד קאמפאני למשל וואס איז סאפיסטיקעיטעד וויל בא׳גנב׳ענען, מאכט ער אים סיינען אויף א באנטש צעטלעך וואס זאגט א מנשה אז דו גייסט מיך יא קענען בא׳גנב׳ענען צו נעמען מיין געלט איינמאל א חודש און מיך נישט געבן די אינשורענס קאווערעדזש וואס איך דארף. א מנת, און וואס קען מען טון? איך האב געשטריבן א מנת, און אין קאורט קען עס פעסן. און די תורה לאזט עס נישט אזא זאך געשענט.

**ר׳ יצחק:** ס׳קען זיין אז אויף געלט זאכן וועט די תורה זאגן, נא פראבלעם. ווייל דאס איז א גבול,

**ר׳ יואל אשר:** ס׳איז א גבול.

**ר׳ יצחק:** למעשה, געלט, לאמיר זאגן, דאס איז די גבול. יעדע זאך וואס איז געלט, הונדערט פראצענט געלט, געבליבט. ס׳איז טאקע נישט יושר, די קאמפאני זאגט שקצים, אבער דו האסט געסיינט, דו באקומסט דאך עפעס פון דעם, ס׳איז דאך נישט פאר פרי, נא פראבלעם. אבער אויב דו האסט געסיינט א קאמפאני אז זיי מעגן דיך קומען שלאגן, מסתמא דאס, אפילו די קאורט האלט אז ס׳ארבעט נישט. זאך.

**לשון הרמב״ם: התנה על האשה שתיבעל לאביה**

**ר׳ יואל אשר:** ער זאגט נאך אזעלכע ענינים פון... ער מאכט א המשך. היצט, מיר האבן גערעדט פריער וועגן אז איינע פון די תנאים איז אז די תנאי דארף זיין עפעס וואס מ׳קען אויספירן, און נישט א מנה שטאלער קיע.

**ר׳ יצחק:** און דער אינדער האט געזאגט אז אן איסור איז דא.

**ר׳ יואל אשר:** אן איסור, און עס הייסט נאך אלץ אז ס׳איז דאוועבל.

**ר׳ יצחק:** זאגט דער רמב״ם, ס׳איז א סייג אין דעם אז אן איסור איז דאוועבל. אז די איסור דארף מען אליינס טון. אויב מ׳דארף א צווייטער זאל עס טון,

**ר׳ יואל אשר:** העלפט עס נישט. די הלכות איז א סתירה מיט די שפת אמת פון לא יוכלו לעלות בהר. יא? ס׳איז דא עפעס א... עס קען נישט ארויסגיין אויף די בארג. עס לאכע רישון. אקעי. אקעי. **התנה על האשה בשעת קידושין או בשעת גירושין. ער האט געמאכט א זייט פון אן אשה שתיבעל לאביה ולאחיה**

**ר׳ יצחק: או לבנה וכיוצא בזה.** אז זי זאל טון אן איסור,

**ר׳ יואל אשר:** יא? ווייל אין די מינוט ווערט מען מקודש וועגן די אלע זאכן, לאביה, איר טאטע, אוודאי, ס׳איז עריות. **איז הרי זה כמי שהתנה עליה שתעלה לרקיע או שתרד לתהום, ותנאו בטל. פארוואס? פארוואס איז דאס אנדערש ווי ווען מ׳זאגט על מנת אז זי זאל גיין עסן חזיר? זאגט דער רמב״ם זייער א שיינע חידוש: שאין בידה שיעברו אחרים ויבואו על הערוה.** אפילו אויב זי קען בויל׳ן איר טאטע, אבער דער טאטע דארף דאך אויך... ס׳איז דא עפעס אן אויסדרוק, "it takes two to tango", ניין? **ויבואו על הערוה, ונמצא שהתנה בדבר שאינו בידה לקיימו.** עסן חזיר איז בידה לקיימו, זי קען אליינס עסן.

**ר׳ יצחק:** יא,

**דיון: דער חילוק צווישן איסור שבידה לאיסור שאינו בידה**

**ר׳ יואל אשר:** אבער עפעס וואס איז נאך תלוי אין אן אנדערן מענטש, איז פאר אן אנדערע סיבה איז עס א דבר שלא תלוי בידה.

**ר׳ יצחק:** אבער לאמיר פארשטיין, יעדע זאך... ער גייט זאגן,

**ר׳ יואל אשר:** ווייל אויב דאס איז נאר אויף אן ערוה, ס׳מיינט נישט אז יעדע זאך וואס איך דארף קענען פועל׳ן ביי יענעם.

**ר׳ יצחק:** ער גייט זאגן,

**הלכה ח — אבל אם התנה עליה שיתן לי פלוני חצירו**

**ר׳ יואל אשר: אבל אם התנה עליה שיתן לי פלוני חצירו,** אויב יענער זאל מיר אוועקגעבן זיין חצר, **או שישיא בתו לבני,** אדער יענער זאל מיר משדך זיין, **וכיוצא בזה, איז יא תנאו קיים, שהרי אפשר בידה לקיימו.** פארוואס? לכאורה, די פריערדיגע הלכה האב איך געזאגט אז דו קענסט נישט יענעם צווינגען. זאגט דער רמב״ם, טון אן איסור, אדער טון אפשר א זאך וואס איז קרעיזי,

**ר׳ יצחק:** וואס איז אפגעפרעגט ביי אלע מענטשן, דו אליינס קענסט,

**ר׳ יואל אשר:** אבער דו קענסט נישט יענעם מאכן עס טון. אבער א זאך וואס איז "דואעבל" נאר ס׳איז זייער שווער, אבער יעדע זאך האט א פרייז, יעדע זאך האט א "פרייס טעג". און מיר האבן געלערנט אז דבר שבממון העלפט תנאים. **ותתן לפלוני,** זי קען געבן פאר פלוני, **ממון הרבה עד שיתן לו חצירו, אדער ועד שישיא בתו לבנו, שהרי אין כאן עבירה.**

**ר׳ יצחק:** וואס? פאר געלט קען מען מאכן שידוכים אויכעט. ס׳איז דא אן "אמאונט" פון געלט.

**ר׳ יואל אשר:** ס׳איז זייער שווער, ווייל דער רמב״ם אין הלכות קידושין גייט זאגן אז איינער וואס איז מקדש פאר געלט, ער טוט אן איסור. אבער נישט קיין עבירה. **וכן כל כיוצא בזה.** דער חילוק איז, אז ס׳איז "דואעבל", ממילא איז די קידושין נאך אלץ אין דיין באל. א תנאי מיינט אז מ׳לייגט עס אריין אין די פרוי׳ס... ווילסט איך זאל חתונה האבן מיט דיר? אקעי, "דעליווער" מיר די שווערע זאכן. א מענטש קען זאגן, "דעליווער" מיר א שווערע זאך. ס׳איז א שווערע זאך,

**ר' יצחק:** אבער ס'איז א שווערע זאך. און פארט פון די שוועריגקייט קען זיין אז יענער דארף מסכים זיין. נאו פראבלעם, פיגער עס אויס, קעפ אים שוין אויכעט.

**דיון: די ארבע קאטעגאריעס פון תנאים — וואס איז דואעבל און וואס נישט**

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם גייט נישט זאגן אלע מיני זאכן, ער מוז נישט. ס'קען זיין אז דער רמב"ם וואלט אויך געזאגט אויב ער הייסט איר ארומוואקן אויפ'ן גאס מיט א גארבעדזש קען אויף איר קאפ, אויסגעטון נאקעטערהייט, זאכן וואס איז קרעיזי, וואס יעדער פארשטייט אז ס'איז קרעיזי. ס'איז לאו דוקא די איסור פון די תורה, ווייל דאס הייסט געגוג אז ס'איז דבר שאי אפשר לקיימו. מנשה טל על רקיע. דא זאגט ער אז מאכן בועל זיין די טאטע איז א מנשה טל על רקיע. פארוואס? ווייל ער האט עס נישט געוועז טון פאר קיין שום געלט.

**ר' יצחק:** ס'איז דא צוויי פארטן. ניין, אפילו ווען יא, דאס זאג איך. ס'איז דא דא עפעס אן אינטערעסאנטע לאמדערס וואס גייט אזוי. אוממעגליכע זאכן. וואקן איבער דעם ים אן א שיף איז אוממעגליך. קיין שום בשר ודם חוץ פון דזשיס קען עס נישט טון, ער קען עס נאר טון מיט א נס. סאו מ'קען נישט. דאס הייסט אז מ'קען נישט, ממילא, בטל. ס'איז דא א זאך וואס מ'טאר נישט. מ'טאר איז נישט קיין פראבלעם, דו קענסט אבער מ'טאר נישט. ס'איז דא א זאך וואס פלוס סיי מ'טאר נישט. ס'איז דא א דריטע זאך, יא, פיר סארט זאכן. מ'קען נישט, א פראבלעם. מ'טאר נישט, נישט קיין פראבלעם. נאכדעם איז דא, מ'קען יא, אבער א צווייטער דארף מסכים זיין. דו קענסט נישט, אבער יענער דארף טון. דאס איז נישט קיין פראבלעם, ווייל דאס, פיגער עס אויס וויאזוי צו מאכן יענער טון. דו קענסט אויספיגערן, פאר געלט איז נאר א דוגמא, רייט?

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא אלע וועגן וואס מ'קען באקומען, מענטשן טוען דאך נישט צו דיר,

**ר' יצחק:** מענטשן קויפן דיר חבירות. פארט פון זיין א מענטש, אין אנדערע ווערטער קען זאגן אז איינע פון די זאכן וואס א מענטש קען טון איז מאכן אנדערע מענטשן טון זאכן. מעשה בכל יום, דאס איז אינפלוענס, אזוי ארבעט עס. נאכדעם איז דא סיי אז א צווייטער דארף עס טון, און סיי אז א צווייטער דארף טון אן איסור. ווען ס'קומט זיך צו די צוויי זאכן, דעמאלטס זאגט מען מ'קען עס נישט. א צווייטער טון אן איסור איז אזוי ווי א זאך וואס דו אליינס קענסט נישט טון במציאות. הגם במציאות איז עס מעגליך.

**ר' יואל אשר:** דו קענסט דינגען אנשים, גוים, בצווינגער, זאלן יענער מאכן בועל זיין איינעם. מ'קען אפשר אויך געבן געגוג געלט,

**ר' יצחק:** חס ושלום ער זאל עס טון. אבער אפשר גייט דאס צוריק צו דעם, ווייל דאס איז שוין נצנות, פאר דאס גייט נישט געשען.

**ר' יואל אשר:** ניין, דער גדר איז נישט צו מ'קען עס פיזיקלי טון.

**ר' יצחק:** דאס זאג איך.

**ר' יואל אשר:** אביסל מער איידל, ס'איז א זאך וואס איז דוא-עבל, נישט זייער שווער. זייער שווער הייסט נאך אלץ דוא-עבל, אבער ס'איז נישט דוא-עבל,

**ר' יצחק:** ווייל יעדער איינער פארשטייט פארוואס. דא איז דא פארשטייט יעדער. פארוואס? ווייל קיינער גייט נישט מסביר זיין די ווארטענען. סיי זייער שווער איז נישט קיין פראבלעם, און סיי עבירה איז נישט קיין פראבלעם. נאר ווען ס'איז סיי זייער שווער און סיי אן עבירה, נישט זייער שווער, סיי א צווייטן. לאמיר זאגן אזוי: א צווייטער איז נישט קיין פראבלעם, און אן עבירה איז נישט קיין פראבלעם.

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין אז עני אנדערע דבר מופרך, אזוי ווי איך האב געזאגט, איינעם פארשעמען אויף א משוגע'נעם וועג. ס'איז אן עבירה. א דבר מופרך. אן עבירה. א דבר מופרך ביותר שטייט אויף דעם. דבר מופרך ביותר,

**ר' יצחק:** דאס איז זיין פרייז. נאר ס'איז אוממעגליך. איך פארשטיי נישט אזא כלל דבר מופרך ביותר, נאר אויף אן איסור. אפשר איז עס יא,

**ר' יואל אשר:** ווייל אן איסור איז אוממעגליך. א זאך וואס איז נישט שייך צו טון. איך זאג עפעס וואס ביי נאטור פון מענטשן טוען זיי נישט.

**ר' יצחק:** איך פארשטיי נישט פארוואס. די אלע דוגמאות זענען גיין אויפ'ן הימל. ממש זאכן וואס איז אוממעגליך, אפילו מ'וויל זייער שטארק קען מען נישט. עניוועיס, איך דאונט נאו. עד כאן איז די פרטים פון דברים אפשריים.

**כלל הרמב"ם: שים אלו הדברים לנגד עיניך תמיד**

**ר' יצחק:** פירט דער רמב"ם אויס,

**ר' יואל אשר:** אזוי ווי ער האט שוין געטון פריער,

**ר' יצחק:** גייט ער צוריק צו די כללות און די תנאים, רייט?

**ר' יואל אשר:** ער האט א מוסר ספר. זאגט ער אזוי, **"שים אלו הדברים של תנאיין לנגד עיניך תמיד"**.

**ר' יצחק:** אז וואס?

**ר' יואל אשר: "וכל מקום שאתה שומע המקדש על תנאי כך וכך, או הנותן גט על תנאי כך וכך, או המוכר או הנותן על תנאי, תדע שהתנאי יש בו ארבעה דברים אלו שביארנו, כדי שלא נהיה צריכין לפרש אותן בכל מקום ומקום"**. מ'זאל נישט איבעראל דארפן נאכאמאל מסביר זיין. אייביג תנאי מיינט די תנאי וואס ארבעט מיט די פיר כללים, **"ואם חסר אחד מהן אין כאן תנאי"**. דאס איז דער רמב"ם זאגט זיין הלכה אויך מיט כפול ומכופל,

**ר' יצחק:** מיט די הן הן לאו לאו. אה, זייער גוט. דאס איז די זעלבע... אה, ס'איז אויך א תנאי קודם למעשה. דאס איז זייער ענליך צו די ערשטע צוויי פרקים אין הלכות אישות, דאס איז דערמאנט. דאס הייסט, ער זאגט דא די כלל, זאגט ווען ס'גייט

שטיין על תנאי, מיינט עס על תנאי וואס די דיטיילס פון דעם שטייט.

**אנהויב פון א נייע סוגיא: יש מקצת גאונים אחרונים**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם יעצט אזא גילוי נאות, זאלסטו וויסן, די הלכה וואס איך האב יעצט גע'פסק'נט, אז די פיר הלכות פון תנאי איז נוגע ביי אלע תנאים אקראס די בארד פון אישות און קנינים און אזוי ווייטער, זאגט דער רמב"ם, ס'איז אבער דא אנדערע וואס האלטן אנדערש. **"יש מקצת גאונים אחרונים"**, ס'איז דא פון די לעצטיגע גאונים,

**ר' יצחק:** א חלק, נישט אלע, ווער איז דאס?

**ר' יואל אשר:** ווען ער זאגט גאונים אחרונים מיינט ער סתם צו זאגן

**מחלוקת הגאונים האחרונים בדיני תנאי — האם כפילת התנאי נוגע רק בגיטין וקידושין**

**הלכה י"ד (המשך) — שיטת הגאונים האחרונים: כפילת התנאי רק בגיטין וקידושין**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם יעצט אזא גילוי נאות, זאלסטו וויסן, די הלכה וואס איך האב יעצט גע'פסק'נט, אז די פיר הלכות פון תנאי איז נוגע ביי אלע תנאים אקראס די בארד פון אישות און קנינים און אזוי ווייטער, זאגט דער רמב"ם, ס'איז אבער דא אנדערע וואס האלטן אנדערש. **"יש מקצת גאונים אחרונים"**, ס'איז דא פון די לעצטיגע גאונים,

**ר' יצחק:** א חלק, נישט אלע, **"שאמרו שאין אדם צריך לכפול תנאו אלא בגיטין ובקידושין בלבד,**

**ר' יואל אשר: אבל בדיני ממון אינו צריך לכפול".** זאגט דער רמב"ם, **"ואין ראוי לסמוך על דבר זה"**, ס'איז נישט ראוי זיך צו סומך זיין אויף דעם, מ'זאל נישט מאכן קנינים מיט שוואכע תנאים. פארוואס? ווייל דער רמב"ם זאגט אז ער האלט **"שכפילת התנאי עם שאר הארבעה דברים מתנאי בני ראובן ובני גד למדו אותם חכמים"**.

**דער רמב"ם'ס ראיה פון בני גד ובני ראובן**

יעצט איז דער רמב"ם מגלה אז די פיר הלכות וואס דו האסט געלערנט, לערנט מען אראפ פון די בני גד און בני ראובן. בני ראובן און בני גד, וחצי שבט המנשה, זענען געקומען צו משה רבינו און

**ר' יצחק:** געזאגט אז זיי ווילן

**ר' יואל אשר:** מאכן א דיעל מיט די אידישע פאלק, אז אונז זאלן זיין אנדערש, אונז זאלן נישט דארפן אריינגיין אין ארץ ישראל און דארטן באקומען נחלה, נאר באקומען נחלה דא, און לכבוד דעם ווילן אונז האבן אנדערע ארענדזשמענטס פון גיין נישט נאר אין מלחמה אנפאנג און אהיים גיין, וכדומה.

האט משה רבינו געמאכט מיט זיי א דיעל, און מ'לערנט ארויס וויאזוי ס'איז געשריבן דארטן די תנאי, דאס אז דארטן שטייט הן קודם ללאו, און ס'שטייט כפול, ס'שטייט אם יעברו וועלן זיי ירש'ענען, אם לא לא, און אזוי ווייטער. פון דארטן האבן מיר עס אראפגעלערנט.

זאגט דער רמב"ם, די פלאץ וואו מ'האט עס אראפגעלערנט, **"למדו אותם חכמים"** פון די פסוקים **"אם יעברו בני גד"** וכו' **"ואם לא יעברו"**, זאגט ער, **"ותנאי זה לא היה בגיטין ולא בקידושין"**, וואו איז געווען דער תנאי?

**ר' יצחק:** אויף אן ענין פון ממון, אן ענין פון ירושה.

**דיסקוסיע: וויאזוי קען מען ענטפערן די ראיה פון בני גד ובני ראובן?**

**ר' יואל אשר:** די אנדערע ענטפער איז זייער פשוט. איך האב די ענטפער פון די אנדערע, איך וויס נישט אויב זיי ענטפערן, ווייל איך וואלט עס געענטפערט פאר זיי. אז די ווארט איז דאך זיכער אז ווען מ'טוט א דבר גדול, ווען כלל ישראל האלט אפ א גורל'דיגע זאך פון וואו גייט זיין די נחלה פון כלל ישראל, איז דאך א מעידזשער מעידזשער זאך, אז אוודאי וועלן אונז טון אז די תנאי זאל זיין מיט א מורא'דיגע ערנסטקייט.

ס'איז דאך דא דא אן ענין פון וואו שטארק מ'זאל לאזן זאכן לויז ווען מענטשן מאכן קנינים. זאגן זיי אז גיטין וקידושין איז אן ענין פון אשת איש, ס'איז אן איינמאליגע זאך, זאל מען עס טון מיט די גאנצע זאך. אבער דיני ממונות זאל מען מאכן איזיער, ס'איז צווישן צוויי מענטשן קענען זיי מאכן גרינגער תנאים. בני גד ובני ראובן איז זייער אן ערנסטע זאך.

די ווארט איז נישט גיטין וקידושין ווערסעס... איך מיין אז ס'איז נישט אפילו תלוי אין די לומדות, לויט די וועג וויאזוי איך האב עס פארשטאנען.

**דער רמב"ם אין הלכות זכיה ומתנה — "רבותי הורו"**

**ר' יצחק:** סאו בקיצור, דו זאגסט אז מ'קען פארשטיין אז די בני גד ובני ראובן זענען אנדערש. דער הייליגער ראב"ד איז דא זאגט טאקע אז וואס? אז ער האלט... דער חלק האב איך געזען, אה, סאו דער ראב"ד זאגט אז ער האלט יא אז ס'איז דא א טעם אין דעם, און מ'זאל קוקן אין הלכות ספר קנין וואס ער איז מסביר. און דאס איז אין הלכות זכיה ומתנה פרק ג'. און דארט שטייט די לשון...

**ר' יואל אשר:** דארט זאגט דער רמב"ם איבער די זעלבע זאך ווי דא.

**ר' יצחק:** ניין, קוק וואס דער רמב"ם זאגט. דארט זאגט ער אביסל אנדערש. דא שטייט מקצת גאונים אחרונים, און דאס זאגט דער רי"ף אויך אזוי. איך וויס נישט פארוואס, אזוי שטייט דא. ער ברענגט נישט דארט דער רי"ף, ער ברענגט אנדערע שילדערס מיט אנדערע מענטשן.

דא זאגט דער רמב"ם, **רבותי הורו**. יא? געדענקסטו, דער רמב"ם איז שוין נעכטן געווען ברוגז אויף זיינע רבותי, וואס מ'זאגט במלוה דבר שאין ראוי לשמוע. דא זאגט ער, רבותי. רבותי מיינט לכאורה דער רי"ף.

**ר' יואל אשר:** וואס איז געשטאנען גאונים אחרונים, האט ער אויך געקענט מיינען דעם זעלבן רי"ף? אקעי.

**ר' יצחק:** ס'איז די זעלבע הלכה. **שאין צריך לכפול את התנאי על הכל, אלא בגיטין וקידושין.** דאס הייסט, ס'איז דא אז ס'מאכט א חילוק. געוויסע תנאים, די אנדערע צוויי תנאים איז יא נוגע ביי אנדערע, אבער נאר די צוויי איז נישט נוגע. וואס? **לכפול ולהקדים להן ללאו.**

**ואין לדבר זה ראיה,** דער רמב"ם זאגט אז דו האסט נישט קיין ראיה. און דא האט ער געזאגט א שטארקע. ס'זעט אויס אז אין הלכות אישות איז דער רמב"ם מער ברוגז אויף די סברא. ער זאגט אז ס'שטימט נישט, ווייל בני גד ובני ראובן איז נישט געווען קיין קידושין. נאך דעם איז דער רמב"ם דא מסביר...

**ר' יואל אשר:** איך האב געזאגט ראיה ראיה לסמוך על דבר הזה, ס'איז עפעס הארעווער.

**ר' יצחק:** איך זאג אז דער רמב"ם מלכות אשה איז מער צוקריגט מיט די...

**ר' יואל אשר:** אסאך מער. און דא זעט אויס ווי ער פארשטייט זייער סברא, אבער ס'פעלט אים נאר א ראיה. אין די גמרא. אהא.

**ר' יצחק:** עס זעט אויס אסאך שטערקער.

**דער ראב"ד'ס סברא — חילוק צווישן קידושין און מכר**

**דער ראב"ד אין הלכות זכיה ומתנה פרק ג'**

און דער ראב"ד איז פארקערט, אויך אין נחלת אביו מתנה איז ער מסביר די סברא. און די סברא וואס ער זאגט איז, בעיסיקלי די סברא וואס איך האב געפרעגט, פארוואס די הלכה פון תנאי בטל איז אז מעשה קיים?

זאגט דער ראב"ד אז דא איז דא א חילוק צווישן קידושין און מכר. דער ראב"ד זאגט, א מכר... דער ראב"ד זאגט אזוי,

**ר' יואל אשר:** ווען ס'איז דא א מכר אדער א מתנה, און דער מענטש זאגט א תנאי, אפילו אויב ער האט עס נישט געזאגט מיט אלע הלכות תנאים, אבער ער זאגט א תנאי, ער פארקויפט עס אויב מ'טוט די תנאי, אדער ער געבט די מתנה אויב מ'טוט די תנאי, סאו פארוואס זאל מען אים זאגן אז דער קנין איז געשען און דער תנאי ווערט בטל? פארוואס זאל דער תנאי ווערן בטל?

אבער גיטין וקידושין, רעדט מען דאך דא פון צוויי מענטשן וואס

**ר' יצחק:** זיי ווילן מאכן גיטין וקידושין.

**ר' יואל אשר:** יא, זיי זענען דאך א קאפל וואס מאכט א גט, אדער זיי זענען זיי משודך מיט א משודכת, און זיי זענען אין דעם, און ער וויל טון די גיטין וקידושין.

**ר' יצחק:** א מינוט, דו האסט אריינגעלייגט אין

**ר' יואל אשר:** די ראב"ד א תנאי פון שידוך. דאס איז נישט וואס ער זאגט. וואס ער זאגט איז,

**דער ראב"ד'ס יסוד: ביי קידושין איז נישט דא קיין סיבה צו זאגן "הרי את מקודשת"**

**ר' יצחק:** א מכר, א מענטש וואס עס באלאנגט פאר אים, ער מעג וועלן מוכר זיין נאר אויף אזא אופן, דאס מאכט אסאך סענס, ער וויל נישט, נאר אויב דו געבסטו מיר די תנאי וויל איך.

קידושין, ווער האט אים געהייסן בכלל זאגן "הרי את מקודשת"? וואו קומט דאס בכלל אריין? אה, דו ווילסט מקדש זיין, נאר וואס? דו ווילסט מאכן א תנאי, מאך עס גוט. ס'איז נישט ווייל דער שידוך, ס'איז נישט דא קיין שום ריזן אז ער זאל אנהייבן צו זאגן אז ער וויל מקדש זיין.

משא"כ ביי די תנאי פון מכר, ער וויל מאכן געלט, אבער ער האלט אז ער גייט מאכן געלט נאר אזוי. ס'מאכט סענס צו זאגן א תנאי אין מכר ווען דו האלטסט נישט אמת'דיג ביי דעם מכר, דאס הייסט, דו האלטסט מיט תנאי.

אבער קידושין, ווער הייסט דיך בכלל אריינלייגן די טרחה און דאס אלץ? דו האסט באקומען צוויי דריי זעץ, ווילסטו חתונה האבן? פארוואס? ווער האט דיך געהייסן בכלל זאגן "הרי את מקודשת"? ווייל דו ווילסט חתונה האבן. אזוי ווען איך טו אזוי,

**ר' יואל אשר:** קען מען אים צוליגן פארשידענע תנאים, און אז נישט, טראכטן אונז אז ער מיינט עס נישט ערנסט.

**די משפטי התנאים זענען אן אומדנא אז דער מענטש מיינט נישט ערנסט**

**ר' יצחק:** דאס איז וואס דער ראב"ד לערנט, אז די אלע משפטי התנאים זענען נישט זייער את הכתוב, ס'איז מער, ווייל אויב דער מענטש זאגט נישט אזוי, טראכטן אונז, אזוויי דער רמב"ם האט געזאגט אליינס ביי די נושא פון "אם תעלי לרקיע", אז ער מיינט נישט ערנסט, ער זאגט סתם די ווערטער אריין.

**דער ראב"ד'ס הסבר פון בני גד ובני ראובן**

און זאגט דער ראב"ד, אויב אזוי, וואס איז בני גד ובני ראובן? איז בני גד ובני ראובן, נישט ווי איינער האט פארקויפט די נחלה, ס'איז דאך אלץ א תנאי צווישן מענטשן אויף א דבר שלא בא לעולם. משה רבינו זאגט, אויב זיי גייען טון די תנאי, וועט מען זיי געבן דעם פלאץ. אבער ס'איז נישט א זאך וואס די אידן קענען זאגן, וואס הייסט,

**ר' יואל אשר:** אונז געבן עס נאר אויף די תנאי. זיי האבן דאך בעצם אזא רעכט.

**ר' יצחק:** ס'איז נישט אזוי ווי א רגילות דבר שבממון וואס מ'קען מאכן תנאים. ס'איז מער אזוי ווי אז אויב נישט, וואלט ער געזאגט, ווערט געגעבן בכלל פאר די אידן. מאכט מען דא א תנאי כאילו אויב די בני גד ווען נישט מאכן "יעברו חלוצים", וועט מען צונעמען זייער לאנד וואס זיי האבן שוין כובש געווען.

ס'איז אביסל פארנעס, ס'דארף אסאך א שטערקערע, ס'איז נישט פארהאן פאר די אידן אז זיי זאלן עס אויסטיילן, ביידע זייטן. סאו פארדעם דארף מען א שטארקע תנאי, אבער טאקע פון אן אנדערע ריזן, נישט וועגן ס'איז קידושין, נאר ווייל ס'איז ענליך, ווייל ס'איז די זעלבע סברא, ווייל ס'איז נישט פשט, ס'איז נישט א

מעשה אז א מענטש האט עפעס און ער פארקויפט עס נאר אויף דעם תנאי. דאס איז דער ראב"ד'ס סברא.

**דער מגיד משנה — שיטת הגאונים אז ס'איז נאר שיטת רבי מאיר**

דער מגיד משנה דא, ביי אים איז ער נישט העפי מיט די סברא. דא אין ספר נשים הלכות אישות פרק ו', דער מגיד משנה זאגט אז די ריזען פארוואס די גאונים האבן געזאגט דאס איז אנדערש, ער זאגט נישט דער ראב"ד'ס סברא, ער זאגט אז בכלל זיי האלטן אז די אלע הלכות זענען נאר שיטת רבי מאיר.

**הלכה י"ד — ס'איז א ספק אויב מ'פסק'נט ווי רבי מאיר**

דא אין הלכות הלכה י"ד, ער זאגט אז ס'איז א ספק, און די ריזען איז וויל מ'האלט אז אין גמרא שטייט אז ס'איז א מחלוקת. רבי מאיר האלט אז מ'דארף האבן די אלע תנאים, און די חכמים האלטן אז מ'דארף נישט. די שאלה איז וויאזוי מ'פסק'נט? דער רמב"ם האט אנגענומען אז ס'איז סתם משניות, אזוי ווי דער רבי מאיר, אבער ער זאגט אז מ'פסק'נט נישט.

**ראיה פון "על מנת" אין משניות**

און מ'זעט א גרויסע ראיה פאר דעם איז, דער רמב"ם גייט האבן אן אנדערע תירוץ פון דעם, אזוי גרויסע ראיה פון דעם איז אז טויזנטער משניות שטייט על מנת, ס'שטייט קיינמאל נישט מיט די אלע משפטי התנאים. איז משמע אז די תירוץ איז אז דאס איז נאר נאר הלכות קידושין, א ספעציעלע הלכה. ניין, ס'איז נאר שיטת רבי מאיר, מען פסק'נט בכלל נישט ווי דער רבי מאיר. א גוטן טאג. דאס איז דער שיטת רמב"ן, דער רשב"א, און אזוי ווייטער.

**דער מגיד משנה'ס קושיא אויף דער ראב"ד**

זאגט דער הייליגער רבי אלימלך, דער מגיד משנה איז אלץ געווען א תלמיד פון די אידן, ער גייט אלעמאל מיט זיי, און זיי האלטן טאקע אז מען דארף נישט. און ער זאגט אז דאס וואס דער ראב"ד זאגט, אז ער האט געזאגט דארט די ריכטיגע טעם דארט, איז נישט אזא גוטע תנאי, וויל למעשה, דארט איז משמע אז תנאי קודם למעשה דארף מען יא, אפילו ביי ממון. משא"כ דאס איז נישט גענוג, וויל לויט די ראב"ד'ס סברא דארף עס זיין אפילו אויף תנאי קודם למעשה, אפילו די מעשה קודם איז תנאי.

אקעי, מ'דארף טראכטן וועגן דעם מער פרטים, מ'דארף רעכענען וואס איז די פשט.

**דער רמב"ם'ס תירוץ אויף די ראיה פון "על מנת" אין משניות**

**ר' יואל אשר:** און די רמב"ם'ס תירוץ וואלט מסתמא געווען אז אין די אלע משניות רעכענען זיי אזוי ווי ס'קומט שוין אויף די סימן אלו הדברים, אז די משנה האט דאך שוין געזאגט ערגעץ אז ס'דארף זיין פיר כללים אין דעם. און דאס איז איין תירוץ.

**ר' יצחק:** ס'איז דא נאך א תירוץ, אזוי ווי כל האומר על מנת, וואס מ'וועט שוין באלד זאגן. יא.

**ר' יואל אשר:** און דער רמב"ם, רייט,

**א כללות'דיגע הערה וועגן דער רמב"ם'ס שרייב-שטייגער**

**ר' יצחק:** דער רמב"ם האט נישט געהאט קיין פראבלעם, איך ווייס נישט אויב דאס איז איינע פון די גרעסטע נייעס, אבער דער רמב"ם, קען זיין אז ס'איז א כללות'דיגע זאך, אז דער רמב"ם האט נישט געהאט קיין פראבלעם אז ס'זאל זיין א זאך וואס שטייט נאר איינמאל און ס'טוישט די גאנצע אלעס אנדערש.

**ר' יואל אשר:** מ'דארף געדענקען פון דעם.

**ר' יצחק:** דאס איז געווען זיין וועג פון שרייבן. צו ס'איז געווען די משנה'ס וועג פון שרייבן איז נאך א שאלה.

עניוועיס, און דער רמב"ם זאגט, דא גייען מיר צוריק, כאילו ער זאגט, דאס איז א חידוש פון די אחרונים. דער רי"ף איז געווען דער רמב"ם'ס רבי, זייער גוט.

**ר' יואל אשר:** נישט קיין רבי דירעקט,

**ר' יצחק:** אבער יא, זיי האבן שוין געלערנט. אבער די גדולי הראשונים, הגאונים הראשונים, די פריערדיגע עולם, האבן נישט אזוי געזאגט. איז דער רמב"ם גייט מיט זיי.

**ר' יואל אשר:** אלס אויך אן אויטאריטעט פאר זיין...

**הלכה ט"ו — ווען ווערט זי מקודשת ביי תנאי**

זאגט דער רמב"ם אזוי, יעצט דארף מען לערנען, דער רמב"ם איז זיך מתייחס צו אן אנדערע שאלה, ווען געשעט די קידושין און ווען געשעט די תנאי?

זאגט דער רמב"ם אזוי, **המקדש על תנאי, כשיתקיים התנאי, תהיה מקודשת משעה שנתקיים התנאי.** פון ווען ווערט זי מקודשת? פון ווען די תנאי געשעט, נישט פון ווען מ'האט געזאגט אריגינעל "הרי את מקודשת". **לא משעה שנתקדשה.** דער רמב"ם איז יא זייער מקפיד אויף די לשון די גאנצע צייט. **ונתן לה המאתים זוז שהתנה עמה באלול.**

## קידושין על תנאי: ווען טרעט די קידושין אין קראפט?

**הלכה ז (המשך) — רעגולערע תנאי: די קידושין טרעט אין קראפט ביי קיום התנאי**

**ר' יואל אשר:** פון ווען די תנאי געשעט, נישט פון ווען מ'האט געזאגט אריגינעל הרי את מקודשת. לא משעה שנתקדשה.

זאגט דער רמב"ם אזוי: **כיצד? האומר לאשה אם אתן לך מאתים זוז בשנה זו הרי את מקודשת לי בדינר זה ואם לא אתן לך לא תהי מקודשת.** דער רמב"ם איז דא זייער מקפיד אויף די לשון די גאנצע צייט. **ונתן הדינר לידה בניסן ונתן לה המאתים זוז שהתנה עמה באלול,** פון ווען איז זי מקודשת? **פון אלול.**

סאו, ס'דארף זיין עדים בשעת ווען מ'איז מקיים די תנאי? איך ווייס נישט.

**לפיכך אם קידשה שני** זאגט דער רמב"ם, ס'גייט ארויסקומען זייער א גרויסע נפקא מינה להלכה. ס'איז געקומען א צווייטער מענטש און איר מקדש געווען קודם שיתקיים התנאי של ראשון. נארמאלערהייט ווען איינער געבט א קידושין נאך א ערשטע קידושין, איז עס באונסט, וויל ס'איז אן אשת איש. אבער דא איז

זי דאך נאכנישט געווען קיין אשת איש, ווייל ס'איז נאכנישט געשען די תנאי. און מיר האבן געשמועסט אז ווען ווערט מען מקודשת? ווען די תנאי געשעט. **הרי זו מקודשת מאלול. הרי זו מקודשת לשני,** ווייל פאר'ן צווייטן איז זי נאכנישט געווען מקודשת. זי דארף האבן א גט פון ביידע? **וכן הדין בגיטין.**

**ר' יצחק:** נישט פון ביידע, נאר פון די צווייטע. נישט עפעס ביידע. די ערשטע איז גארנישט.

**ר' יואל אשר:** די ערשטע... אה, אויב וועט זיין תנאי... אויב וועט שוין זיין נאך די גט, וועט די ערשטע קידושין קענען ווערן געענדיגט. איך ווייס נישט.

**ר' יצחק:** פארוואס זאל זי באקומען א גט? זי איז דאך געווארן מקודש מאחר. זי איז דאך זייער העפי.

**ר' יואל אשר: וכן הדין בגיטין ובממונות — בשעה שיתקיים התנאי הוא שיהיה גט או יתקיים המקח או המתנה.** דעמאלטס, די זעלבע זאך.

**ר' יצחק:** אזוי ווי ביי קידושין, אזוי אויך ביי גיטין און אויך ביי דיני ממונות.

**ר' יואל אשר:** ווען די תנאי געשעט, דעמאלטס געשעט די קידושין.

**ר' יצחק:** די גירושין, אדער די מכירה, אדער די מתנה. עניוועיס, דאס איז די נארמאלע, דאס הייסט ווען מ'נוצט

**ר' יואל אשר:** די ווארט "על תנאי", אדער ווען מ'מאכט די תנאי מיט נישט אנדערע ווערטער.

### הלכה ח — "מעכשיו": די קידושין ווירקט למפרע

**ר' יצחק:** אבער אויב מ'מאכט עס מיט אנדערע ווערטער,

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **במה דברים אמורים?** די הלכה וואס מ'האט געזאגט אז ס'געשעט ווען די תנאי געשעט, במה דברים אמורים? **בשהיה שם תנאי ולא אמר מעכשיו. אבל אם אמר לה הרי את מקודשת לי מעכשיו בדינר זה אם אתן לך מאתים זוז,** איך וויל ווערן מקודש, דו וועסט ווערן מקודשת מעכשיו בתנאי אז שפעטער וועסטו טון עפעס. **ולאחר זמן נתן לה המאתים, הרי זו מקודשת למפרע משעת הקידושין.** נמצאת זו מקודשת פון ווען מ'האט געזאגט די הרי את מקודשת.

**ר' יצחק:** נישט פון ווען די תנאי איז געשען, **אף על פי שלא נעשה התנאי אלא אחר זמן מרובה. לפיכך,**

**ר' יואל אשר:** וואס וועט זיין די הלכה? **אם קידשה אחר קודם שייעשה התנאי אינה מקודשת,** ווייל די תנאי גייט נאך געשען. מ'דארף נישט וויסן. שפעטער ווען מ'געפינט אויס, שטעלט זיך ארויס אז יענער איז נישט געווען מקודשת צו דעם צווייטן. **וכן הדין בגיטין ובממונות,** ס'איז די זעלבע זאך.

### הלכה ט — "מעכשיו" דארף נישט אלע משפטי התנאים

**ר' יואל אשר:** יעצט, גייט מען לערנען א גרויסע לופ-האל. מ'האט געפרעגט פריער אסאך דיטעילס וואס מ'דארף מאכן אויף א תנאי, די אלע זאכן וואס זענען אין רמב"ם. די אלע זאכן איז טאקע געווען ווען ס'איז א רעגולער אלטע תנאי.

**ר' יצחק:** אבער ווען מ'מאכט אזא מין תנאי מיט די נייע לענגווידזש פון "מעכשיו", ס'מאכט א חילוק. ס'מיינט אז ס'ווערט שוין יעצט.

**ר' יואל אשר:** איז דעמאלטס, **כל האומר מעכשיו אינו צריך לכפול תנאו.**

**ר' יצחק:** דארף מען נישט צוויי פון די פיר תנאים. מ'דארף נישט מאכן א כפל תנאי, און מ'דארף נישט שרייבן די תנאי קודם למעשה. **אלא אף על פי שהקדים המעשה לתנאו — תנאו קיים.** אבער די אנדערע צוויי כללים פון תנאי ארבעט יא.

**ר' יואל אשר: אבל צריך להתנות בדבר שאפשר לקיימו.** ס'דארף זיין דווקא א תנאי על דבר שאפשר לקיימו. **ואם התנה בדבר שאי אפשר לקיימו,**

**ר' יצחק:** איז ווייטער **הרי זה כמפליג בדברים ואין שם תנאי.** ער זאגט אונז נישט על הן קודם ללאו.

**ר' יואל אשר:** איך מיין אז ס'איז פארט פון דעם. אה, דאס איז אין "אינו צריך לכפול תנאו". יא.

### דיסקוסיע: פארוואס "מעכשיו" דארף נישט אלע כללים

סאו ער זאגט, זאכן וואס געבן ערנסטקייט פאר די לשון, דארף מען נישט מקפיד זיין ווען מ'זאגט "מעכשיו". אבער זאכן וואס איז פשוט, ווייל אויב נישט ביסטו כמפליג בדברים, ס'איז אן ענין פון שטות. אן ענין פון שטות איז נוגע, נישט קיין חילוק וואס דו זאגסט. אויב איז עס א שטות, בלייבט עס א שטות. אבער די זאכן וואס האט צו טון מיט ווייל דו האסט עס געמאכט אויף שפעטער,

**ר' יצחק:** מיינט אז דו דארפסט זיין זייער גוט אויסגענומען.

**ר' יואל אשר:** איינמאל ווען מ'זאגט "מעכשיו", זעט אויס אז ווייל ס'גייט שוין געשען די חלות מעכשיו, דארף מען נישט אזוי אכטונג געבן אויף די דיטעילס פון די תנאים.

וואס איז די סברא? דאס איז אויך א חידוש, דרך אגב, פון די גאונים. ס'שטייט נישט אין די גמרא בפירוש. און די ראיה וואס זיי האבן געברענגט איז וואס מיר האבן גערעדט א סעקונדע צוריק, אז ס'שטייט אזויפיל משניות "על מנת",

**ר' יצחק:** און ס'שטייט קיינמאל נישט אז מ'דארף טון די אלע תנאים. איז האבן זיי געזאגט, אז קודם מעכשיו דארף מען נישט טון אלע תנאים. און אויף דעם איז תוספות מחולק, און אנדערע תוספות זאגט אז מ'דארף יא.

**ר' יואל אשר:** אזוי ביי מעכשיו זאל מען יא האבן די פיר תנאים.

**ר' יצחק:** און זאגט דער הייליגער מגיד משנה, קבלת הגאונים תורה היא. שוין, עניוועיס, דאס איז זייער ראיה. תוספות איז נישט געווען זיכער אז ס'איז א גוטע ראיה.

### הלכה י — "על מנת" איז ווי "מעכשיו"

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם נאך א הלכה, **וכל האומר על מנת**

**ר' יואל אשר: הרי זה כאומר מעכשיו.** יעצט, א נייע זאך. ס'איז דא א וועג פון זאגן בתנאי דורך זאגן על מנת. וואס איז די קשר? מנת איז די זעלבע ווארט ווי תנאי? איך ווייס נישט. מנת איז אן אמנה? אקעי. על מנת, ווען מ'זאגט על מנת, איז הרי זה כאומר מעכשיו. על מנת איז א מין וועג פון זאגן בתנאי, אבער ס'איז א וועג וואס מ'פארשטייט דערפון אז ס'איז מעכשיו. איך בין מקדש, ווען איינער זאגט איך בין מקדש על מנת,

**ר' יצחק:** מיינט ער איך בין מקדש יעצט, מעכשיו, על מנת. ס'איז זייער אנדערש. איך זאג, הרי את מקודשת לי ו... תתני לי.

**ר' יואל אשר:** פשט, דעמאלטס וועסטו געבן. אדער על תנאי קען שטיין אויך די לשון.

**ר' יצחק:** אבער על מנת פשט,

**ר' יואל אשר:** איך בין דיך מקדש יעצט על מנת, אויפ'ן חשבון פון... אבער ס'מאכט סענס.

**ר' יצחק:** ממילא, ווייל ער וואלט עס אויף די אנדערע דינים פון מעשה. אויב ס'איז מעשה, און אויף דעם, אמת'דיג,

**ר' יואל אשר:** אויף די הלכה איז געבויט די פריערדיגע הלכה, ווייל אין די משניות שטייט געווענליך על מנת,

**ר' יצחק:** און ממילא דורך דעם דארף נישט שטיין די אלע משפטי התנאים.

**דיסקוסיע: וואס איז דער חילוק צווישן "על מנת" און "אם"?**

וואס איז טאקע די עומק,

**ר' יואל אשר:** על מנת ברענגט עפעס מער ווי די ווארט תנאי אליין? יא,

**ר' יצחק:** ווייל איך טו עס יעצט על מנת. יעדע תנאי מיינט מען דאס. ניין, געווענליך זאגט מען, איך געב דיר קידושין, אויב... ס'שטייט נישט, מ'זאגט אפילו על תנאי, ווייסט, די פסוק משתתא איז, רעדט מען קידושין לי. ווי איז געווען די לשון? אם, רייט? אם. ס'איז אלעמאל געווען א לשון אם. אדער ו... אז איך בין מקדש און דו וועסט מיר געבן. פשט, איך בין דיך מקדש ווען דו וועסט מיר געבן. ס'מאכט סענס אין מיין קאפ.

אויב איך בין דיך מקדש, אבער בתנאי... איך מיין די לשון על מנת איז ביי אונז די זעלבע לשון ווי בתנאי, אבער על מנת, אז איך בין דיך יעצט מקדש, מיט אז ס'איז ווי א קאנדישאן אז דו וועסט מיר געבן, אבער ס'איז יעצט, דו פארשטייסט? ס'מאכט סענס.

**דוגמא פון "על מנת"**

**כיצד?** דער רמב"ם געבט דוגמאות. כיצד?

**ר' יואל אשר:** זאגט די משנה, כיצד, **האומר לאשה הרי את מקודשת לי,** אדער **הרי זה גיטיך,** אדער **הרי חצר זו נתונה לך במתנה, הרי תנאו קיים,** הרי תנאו קיים, וואס געשעט איז **ונתקדשה האשה או נתגרשה, וזכה זה בחצר והם יתנו המאתים זוז. ואם לא נתנו,**

**ר' יצחק: לא תהיה זו מקודשת.**

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנט, דער אנפאנג זאגט דער רמב"ם ווי לכתחילה אזוי ווי מ'קען אריינלערנען אז כאילו דאס איז די ריכטיגע זאך צו טון, ווייל ס'איז עפעס אזא מין הסכמה. און מ'זאגט על מנת, טו עס טאקע, ווייל ס'איז נאך אמאל. ווייל מ'האט פארשטאנען אז ס'איז געווען א הסכמה אז דו גייסט געבן די מאתים. די ערשטע לשון פון די רמב"ם איז אויך אזוי א לשון אז לכתחילה

**ר' יצחק:** זאל מען טון אזוי.

**ר' יואל אשר:** זכה זה והם יתנו, זאלן זיי טאקע געבן. ווייל ס'איז דאך דא אויך אזא ענין פון אז זיי האבן זיך עפעס אונטערגענומען. ס'איז געווען עפעס אזא

**ר' יצחק:** ענין פון זיך נישט נעמען.

**ר' יואל אשר:** מיידע זאלן זיי ווייטער גיין מיטן.

**ר' יצחק:** ניין, ניין, דאס איז נישט די טייטש. די טייטש איז,

**ר' יואל אשר:** איך פארשטיי,

**ר' יצחק:** וואלט א תנאי... אויב נישט, איז נישט יעצט מקודשת,

**ר' יואל אשר: ולא תתגרש ולא יזכה זה בחצר.** זאגט דער רמב"ם, **ואף על פי שלא כפל תנאו, ואף על פי שהקדים המעשה לתנאי, ונתן הקידושין הגט בידה** פאר די תנאי **והחזיק זה בחצר,** און נאר נאכדעם השלים תנאו. פארוואס?

**ר' יצחק:** פארוואס זאגט דער רמב"ם?

**ר' יואל אשר: שהרי כשיתקיים התנאי, יזכה זה בחצר ותתקדש זו ותתגרש זו, משעה ראשונה שבה נעשה המעשה, כאילו לא היה שם תנאי כלל.**

**דיסקוסיע: דער רמב"ם'ס הסבר פארוואס "מעכשיו" דארף נישט אלע כללים**

**ר' יצחק:** איז דא איז דער רמב"ם מסביר לגבי תנאי קודם למעשה אפשר בעיקר. פארוואס? מעכשיו דארף עס נישט האבן. פארוואס דארף מען נעמען תנאי קודם למעשה? פארוואס? ווייל דאס הייסט אז ווען די מעשה געשעט איז שוין געווען א תנאי. אבער דאס איז נאר אויף ווען די מעשה געשעט בשעת ס'איז קיים א תנאי.

אויב די מעשה געשעט שוין יעצט, פשט אז ס'געשעט שוין יעצט נאכדעם וואס די תנאי, קענסטו פארגעסן פון די תנאי. די תנאי איז נאר בעקווארדס אויף די מעשה וואס איז שוין געשען. ס'האט שוין געטון די מעשה, איך לייג צו א תנאי, אבער נאכדעם גייט עס צוריק צו די מעשה פריער.

אויב איך דארף אז די מעשה זאל געשען ביי די תנאי, בזמן התנאי, דארף איך האבן אז ס'זאל נישט האבן געשען דעמאלטס כאילו. דארפסט האבן די תנאי, ס'מאכט סענס וואס איך זאג, אדער נישט? ס'מאכט נישט אזוי סענס.

**ר' יואל אשר:** נראה מדבריו. כאילו לא היה שם תנאי כלל.

**ר' יצחק:** אפשר דאס איז די ריזען פארוואס מ'דארף נישט אלע כללים, אלעס וייל בשעת וואס נתקיים די תנאי ווען ס'איז מעכשיו, איז שוין געווען הונדערט פראצענטיג קדושין פריער, נישט עפעס א תנאי קדושין וואס מ'דארף אז ס'זאל געשען שפעטער ווען מ'טוט דאס. דאס איז דער רמב"ם'ס הסבר אויף די חילוק פון מעכשיו און דו פארשטייסט נישט אז עס גייט זיין הסבר אמת?

**ר' יואל אשר:** איך האב געגאנגען די לעצטע ווערטער, כאילו לא היה שם תנאי כלל,

**ר' יצחק:** איך בין נישט אזוי פארשטייסט, ס'איז מסביר... נאכאמאל. וואס ער זאגט איז אז ס'איז דא צוויי סארט תנאים.

ס'איז דא א תנאי וואס די תנאי לייגט צו א גאנצע מעשה, ס'לייגט צו אז די קידושין גייט ווערן ווען מ'טוט די תנאי. ס'איז דא א תנאי וואס לייגט נישט צו גארנישט, ס'איז מער אזוי ווי זיי האבן געטראכט פריער, נאאיוו. ער זאגט אז איך וויל די קידושין, בתנאי דאס געשעט, אבער די קידושין מאך איך יעצט. קידושין איז א געהעריגע קידושין, ס'איז אן אריגינעלע קידושין. די תנאי איז נאר צוגעלייגט אויף דעם.

א תנאי וואס געשעט שפעטער איז נישט נאר א השתדיגינאלע קידושין אויב ס'איז געשען דאס, מאכסט א גאנצע נייע סארט מעשה. דו מאכסט אז די קדושה זאל געשען אין א זמן, דו קענסט אזוי ווי ס'פרעגט פרי, ס'איז נישטא קיין איידעם, ס'איז נישטא קיין... ס'איז געשען שפעטער, ס'איז א גאנצע קאמפליצירטע סארט קדושה. יענע קאמפליצירטע סארט קדושה דארף אסאך הלכות פון תנאים, עפעס אזוי אפשר קען מען זאגן. פארשטייסט?

אנדערע ווערטער, ווען ס'געשעט נישט די תנאי, איז נישטא קיין קדושה בייביידע, יא? ווען ס'געשעט יא די תנאי, זעט אויס זייער אנדערש מעכשיו. דאס זאגט דער רמב"ם, זעט אויס זייער אנדערש מעכשיו ווי... ווי... ווי...

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט עפעס וואס מ'דארף נאך ווארטן נאכדעם און זען וויאזוי ס'קאפט אויס.

**ר' יצחק:** נישט נאר ווארטן, ס'איז עפעס אן אנדערע סארט זאך.

**סיום פרק ו' — חילוק צווישן תנאי שנתקיים מעכשיו לתנאי שנתקיים שפעטער**

**תנאי שנתקיים שפעטער — קידושין על תנאי**

**ר' יצחק:** ס'געשעט שפעטער, ס'איז א גאנצע קאמפליצירטע סארט קידושין. יענע קאמפליצירטע סארט קידושין דארף אסאך הלכות פון תנאים, עפעס אזוי אפשר קען מען זאגן. פארשטייסט?

אין אנדערע ווערטער, ווען ס'געשעט נישט די תנאי, איז נישטא קיין קידושין ביי ביידע, יא? ווען ס'געשעט יא די תנאי, זעט אויס זייער אנדערש מעכשיו, דאס זאגט די רמב"ם, ס'זעט אויס זייער אנדערש מעכשיו ווי שפעטער.

פארוואס? ווייל מעכשיו, וואס האט ער געזען? א נארמאלע קידושין. די תנאי, ד' תנאי מלכא, איז דא א קידושין.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט עפעס וואס מ'דארף נאך ווארטן נאכדעם און זען וויאזוי ס'קומט.

**ר' יצחק:** ס'איז עפעס אן אנדערע סארט זאך. מה שאין כן ביי די תנאי וואס געשעט שפעטער, ביי די אם למשל, רייט? איז אפילו נאכדעם וואס ס'געשעט א תנאי, איז געשען דא א קידושין על תנאי.

פארוואס? ווייל די קידושין איז געשען בזאת התנאי. ס'איז נישט קיין נארמאלע קידושין וואס די תנאי האט נאר מקיים געווען. עפעס אזא...

**הסבר החילוק — צורך בכפל התנאי**

מען קען טראכטן למאי נפקא מינה, סאו ווי דערפאר דארף עס זיין כפול, עפעס האט צו טון מיט זיין דעת, לויט וואס דער רמב"ם האט אפשר געטראכט, אפשר ממילא טראכט ער, ער מיינט עס נישט ערנסט, נאר אויב ער טוט זיך אזוי.

**ר' יואל אשר:** אז ווייל דו ווילסט טון אזא שווערע זאך אז עפעס זאל מען אנהייבן יעצט און ס'זאל זיך ענדיגן שפעטער, דארף עס זיין מיט א שטארקערע...

**ר' יצחק:** ס'הייבט זיך אן יעצט, מ'האט מען יעצט געגעבן די מעשה קנין, מיינסטו. יא, בקיצור, פארוואס דאס מאכט א חילוק דארף מען טראכטן, אבער דאס איז לכאורה די... די הלכה.

עד כאן איז פרק ו' פון הלכות אישות.